יִפּעיעפּעיִ איריִג

№ 5

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". פּרייז 20 גראשן.

טשענסטאכאווער צייטונג

[illegible]

פרייטאג פ׳ יתרו י״ז שבט תרצ״ז | ליכט-צינדען 4.04 | Piątek 29 stycznia 1937

טעאַטער „מכבי"

ווילנער אָפּערעטען - טרופּע בראש מיט די בעקאַנטע אַרטיסטען

נחמה, קדיש, חאַש

פרייטאָג, ד. 29, שבת, ד. 30, זונטאָג, ד. 31 ד. ח. 9 אָוענד
און שבת 4 בייטאָג

די בעריהמטע מוזיקאַלישע קאָמעדיע מיט געזאַנג און טענץ
אין 2 אַקטען מיט א פּראָלאָג פון לילין, מוזיק — אָלשאַנעצקי

שפּיל צינגיינער

אַנסאַמבל לויט א.ב.: אָרליוק שמעון, אידינא אידא, בלאַט אברהם, גראָדנער אברהם, גאַלאידא אידא, חאַש יוסף, נחמה, ליפּאָווסקא אסתר, קדיש, קוניעצאָוו לייב, ראבין מנחם, רייכער עטיע.
מיט׳ן אָרקעסטער פיהרט אָן א. אָגורעק. בים קלאַוויר: פאַניא חאַש. רעזשי: קדיש. געהילף: ראבין.
אדמיניסטראַטאָר: ל. קוניעצאָוו. — בילעטען שוין צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה׳ באַטשאַן.

ווייסע וואַכער

הורט! בעסטע קוואַליטעט! ביליגסטע פּרייזען! גרעסטער אויסוואַהל! דעטייל!

L. Lederman

I-a Aleja 7. Telef. 15-47.

עמפּפעהלט:

זייד, וואָל - סחורות, גאַרדינען, קאָפּען ווי אויך אַלערליי לייוונט און בוימוואָל-סחורות.

ספּעציאַליטעט: חתונה-אויסשטייערן.

„TRIOKONG"

Zakłady Przemysłu Radiowego

Częstochowa, Garibaldiego 28. Tel 10-99

Polecamy pierwszorzędnej jakości radioodbiorniki

COLUMBUS 937

3 lampy z 4 prostownicą

LECH

2 lampy z 3 prostownicą



wszelkie informacje
i demonstracje
w firmie

N. TAJCHNER

Częstochowa,
Aleja 14
tel. 17-91.

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

דער ריהרענדסטער פילם פון דער לעצטער צייט!

TAJNA BRYGADA

געשטיצט אויף א געהיימניספולער שפּיאָנאַזש אַפערע.

איבער׳ן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאַבען

פאַרבערייי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער. דעם געוועלב פון דער קאָפּעלושאַרניע)

קראַנענס ווערען געוואַשען מיט דויער-האַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פאַרבען לויט מוסטערן,
3) דעקאַטירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויס׳ן פּרס),
4) כעמיש ריינינגען און פּאַסאָנירען קאַפּעלושן.

אונזער פעטער יעקב העלפגאַט צו דער חתונה פון זיין זוהן חיים דוד
א הארציגען מזל-טוב
סענדער קאָהן און פרוי

מיין הבר חיים דוד צו זיין התונה — מיינע הארציגסטע וואונשען.
דוב בע ...לאַאַק, וויעלון.

ZAKŁAD RENTGENOLOGICZNY

Dr. med. BRAMA

Aleja Wolności 10.

Ultrakrótkie i krótkie fale do leczenia

zapalnych chorób wewnętrznych, neuralgii, stawów, chorób kobiecych i innych.

EDWARDA KRAUSKOPF

Lekarz-dentysta

ALEJA 11 m. 1

przyjmuje od 10—1 i od 4—7.

בעקאַנטמאַכונג.

איך גבה אויף משמודים צו קראַנקע ווי אויך אין טויט-פאַלען ר״ל פאַר א קליינער בעלוינונג
זיך ווענדען צו יוסף זאַלצמאַן, ווארשאווער 13

SZKOŁA TAŃCÓW baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedyńczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.

יערען שבת א פּראַקטישע לעקציע פאַר יודישער געזעלשאַפט. אָנהויב 8 אָוענד. ערשטקלאַסיגע מוזיק.

הסתדרות „תרבות" בפולין, סניף „צ׳נסטכובה"

ביום הששי יז שבט בשעה 8
תתקיים באולם ההסתדרות הציונית, שדרה 10

אספת חברים

ירצה הח׳ ביקסר, שליח מטעם מרכז „תרבות" בפולין.

כל החברים מתבקשים לבוא!

הועד המקומי.

א פערזאמלונג פון „פרייל אַנד"

היינט פרייטאג האַלב 9 א זייגער אָוענד קומט פאָר אין לאָקאַל פון האַנדווערקער-פאַרבאַנד אַלעע 12 א פערזאמלונג פון מיטגלידער פון דער פרייל אַנד" אָרגאַניזאַציע מיט׳ן אַנטייל פון בעוואוסטען געזעלשאַפטליכען און אַרבייטער-טוער, פאָרשטעהער פון פרייל אַנד - בעוועגונג ד״ר יוסף קרוק, וועלכער וועט אָבגעבען א בעריכט וועגען די פּלענער פון יודישער קאָלאָניזאַציע מעגליכקייטען אין די פראַנצויזישע קאָלאָניעס.

W sobotę, dnia 30 stycznia rb. odbędzie się „WESOŁA ŚWIETLICA" Koła byłych Wychowanków przy Szkole im. Zofii Wajnsztokówny w Częstochowie, II Aleja № 20
O łaskawe przybycie wszystkich członków prosi Zarząd.

אונזער ג. שותף יעקב העלפגאַט און פרוי צו דער חתונה פון זייער זוהן חיים דוד מיט פרל. גאלדה פייגע יאכימאוויטש פון קרזעפיץ
א הארציגען מזל-טוב — דעם יונגען פּאָר א גליקליכע צוקונפט ווינשען
שותפים פון „מלין ספולק...", וויעלון.

מיין ג׳ פריינד און קונדע חיים דוד העלפגאַט צו זיין התונה מיט פרל. גאלדה פייגע יאכימאוויטש פון קרזעפיץ
אונזער הערצליכען מזל-טוב
ח. א. בארקאס און פרוי, וויעלון.

אונזערע פריינד אהרן און פעסע פילצער צו די תנאים פון זייער שוועסטער און שוועגערין ראַכיל מיט ה׳ בנימין מאיר זיגער פון קאליש אונזערע הארציגסטע ברכות.
די מוטער פיעל נחת און פרייד.
יעקב אוןביילה הערשליקאָוויטש,
יחיאל און טאָבע הערשליקאָוויטש, נאַכע עקשטיין וויעלון.

אונזער ליבען זוהן חיים דוד העלפגאַט צו זיין חתונה מיט מזל מיט פרל. גאָלדאַ יאכימאָוויטש אונזער ברכת הורים. מען זאָל דערלעבען ביי זיי פיעל נחת און פרייד.
עלטערן און געשוויסטער וויעלון.

א הארציגען מזל-טוב אונזער פריינדין ראַכל פילצער צו איהר פערלאָבונג מיט ה׳ בנימין מאיר זיגער פון קאליש. די מוטער און געשוויסטער פיל נחת.
מרדכי ליפּקאָוויטש און פרוי
וויעלון.

אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערין ראַכיל צו איהר פערלאָבונג מיט ה׳ בנימין מאיר זיגער פון קאליש, ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און גליקליכע צוקונפט, די מוטער פיעל נחת און פרייד.
אהרן און פעסע פילצער, יחיאל פילצער וויעלון.

צו די תנאים פון פרל. ראַכיל פילצער מיט ה׳ בנימין מאיר זיגער פון קאליש ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב,
די מוטער אונגעשוויסטער פיעל נחת און פרייד.
הערש ליב שימאנאָוויטש און פרוי וויעלון.

שוסטער - וואַרשטאַט

דערמיט מאך איך בעקאַנט, דאס פון 10-טען יאַנואַר 1937 איז טעטיג מיין נייגעעפענטער
איז פערזעהען מיט אַנ׳אויסוואהל פון מעבער און דאַמען-סיך. — אויך נעם איך אָן אַלערליי בעשטעלונגען ווי אויך רעפּאַראַציעס צו מעסיגע פרייזען.

מיט אַכטונג: ישראל אוונער, נייער מארק 1 (הויז דאַווידאָוויטש).

צו געדענקסטו

וועגען דער בעקאַנטער און גליקליכער קאָלעקטור פון

J. WEKSLER

ALEJA 6?

אונזערע געווינסען:

זל. 1.000.000	אין דער 28-טער לאָס. נר. 40875
" 100.0000	אין דער 36-טער לאָס. נר. 54355

אויסערדעם

Nr. 167420	zł.	30.000	Nr. 165757	,,	10.000
,, 116491	,,	20 000	,, 116472	,,	10.000
,, 69661	,,	15.000	,, 147357	,,	10 000
,, 68620	,,	15.000	,, 148532	,,	10.000

אין דער לעצטער לאָטעריע:

Nr. 49597	—	zł. 50.000
,, 94929	—	zł. 10.000
,, 153339	—	zł. 5.000

לאָסען צו דער 1 קלאַס שוין צו בעקומען.

פערזוימט נישט, ווייל ס׳קען אויספעהלען לאָסען.

צו דער ערשטער שמערצליכער יאָהרצייט פון זיין פרוי

קלעריל לאה ז״ל גראַדאָן

שפענדעט ר׳ מרדכי נ״י גראַדאָן 20 זל. פאַר׳ן שפּיטאל, 20 זל. פאַר מחזיקי הדת, 15 זל. פאַר כתר תורה, 15 זל. פאַר עזרה, 10 זל. פאַר תומכי עניים, 10 זל. פאַר לינת הצדק און 10 זל. פאַר מושב זקנים. דאס געלד איז אָבצונעמען זונטאג 12 מיטאג ביי ר׳ מרדכי גראַדאָן, 1 אַלעע 1.

ווינטער-הילף און די יודישע ארבייטסלאזע

א גרויסע אקציע ווערט געפיהרט לטובת דער ווינטער-הילף פאר ארבייטסלאזע און פרנסה'לאזע.

די דאזיגע אקציע ווערט אדורכגעפיהרט דורך די אנגעזעהענסטע פערזענליכקייטען און ארגאניזאציעס פון לאנד. און דער אופן פון דער זאמלונג פאר דער ווינטער-הילף איז אזוי איינגעארדענט געווארען, דאס ס'איז אויסגעשלאסען, אז עמיצער זאל קאנען ארויסדרעהען פון בעטייליגען זיך אין דער אקציע.

עס איז גארנישט קיין ספק, אז מיר, יודען, האבען א גרויסען אנטייל אין דער דאזיגער אקציע, סיי בעת'ן אויסקויפען פאטענטען אדער צאהלען עלעקטריע, סיי ביי אנדערע זאמלונגען, זענען מיר, יודען, געוועזען די אקטיווסטע און געגעבען א גרויסען צושטייער צו דער ווינטער-אקציע. וואס דארפט איהר מעהר, אפילו דאמאלס, דעם לעצטען זונטאג ערב די חגאות, ווען אלץ האט געהאנדעלט, האבען אונזערע יודישע סוחרים געגעבען צוויי פראצענט פון לייזונג פאר דער ווינטער-אקציע.

קורץ, עס איז א פעסטגעשטעלטער פאקט, אז אין דער ווינטער-אקציע, וועלכע איז געפיהרט געווארען אונטער דער לאזונג: „דאס הייסע הארץ בעקעמפט די פראסט", האבען די יודען געגעבען דאס מאקסימום.

ווי אזוי זעהט אבער אויס די פערטיילונג?

אט וועגען דעם קאנען מיר שוין נישט זאגען, אז אונזערע יודישע ארבייטסלאזע און פרנסה'לאזע ווערען בעהאנדעלט צוגלייך מיט די איבריגע ארבייטסלאזע פון לאנד. צוליעב די ספעציפישע בעדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבען, קאן אונזער גרויסע צאהל ארבייטסלאזע, וועלכע ארבייטען נעוועהנליך איינצעלנע אין די ווארשטאטען און קאנען זיך דעריבער נישט לויט'ן גענוי רעגיסטרירען אלס ארבייטסלאזע. דאן האבען מיר דאך גרויסע מחנות פרנסה'לאזע, וועלכע קאנען איבערהויפט נישט גענומען ווערען אין בעטראכט. און אויף אזא אופן ווערען מיר, יודען, וועלכע האבען פראפארציאנעל געגעבען די גרעסטע סומען פאר דער אקציע—וועלען אינזערע ארבייטסלאזע אמווייניגסטען פון דעם געניסען.

די בערופענע פערזאנען און אינסטיטוציעס דארפען וועגען דער דאזיגער עולה אינטערווענירען ביי די מאסגעבענדע קרייזען און פאדערן צו ערטיילען פון דער דאזיגער ווינטער-הילף אויך פאר אונזערע ארבייטסלאזע און פרנסה'לאזע יודען.

ש.

אימפאזאנטע ענטוויקלונג פון פ. ק. א. אין יאהר 1936.

אויף דער פרעסע-קאנפערענץ פון 21-טען יאנואר 1937 האט דער ה' פרעזעס פון פ.ק.א. דר. ה. גרובער איבערגעגעבען פאר דער עפענטליכקייט צוו. אנד. פאלגענדע אינטערעסאנטע אינפארמאציעס:

טראץ די אונגינסטיגע בעדינגונגען, וואס האבען זיך געשאפען אין 1936 אויף אונזער געלד-מארק אין שייכות מיט די פינאנס-געשעהענישען אויף די אויסלענדישע מערק, האט זיך די טעטיגקייט פון פ. ק. א. ווייטער גינסטיג ענטוויקעלט.

די אלגעמיינע וואקלאדן סומע איז, אין פערגלייך מיט'ן פריהערדיגען יאהר, געוואקסען אין 1936 מיט 13.981.942.60 זל. און דערגרייכט א סומע פון 895.7 מיליאן זל. די דערגרייכטע אלגעמיינע וואקלאדען סומע שטעלט פ. ק. א. אויפ'ן ערשטען ארט צווישען די פינאנסיעלע גרופען-אינסטיטוציעס אין פוילען. אונזער אינסטיטוציע זאמעלט לערך א דריטעל פון דער אלגעמיינער וואקלאדען-סומע אין פוילען.

די אבשפארונגס-אבטיילונג ווייזט ארויס אין בעריכטס יאהר א נישט-גרויסען וואקלאדען-אונטערשיד, וואס בעטרעפט 13 מיליאן זל. דאס דארף מען אין א גרויסער מאס צושרייבען דעם אבפלוס פון די גרעסערע וואקלאדען, וועלכע ווייזען ארויס א טענדענץ צו אינוועסטיציעס און זענען אריבער אויף טשעק וואקלאדען, וועלכע זענען אויסגעוואקסען מיט 29,6 מיליאן זלאטעס. די דאזיגע ערשיינונג דארף מען בעטראכטען אלס גינסטיגע.

די אלגעמיינע וואקלאדען-סומע האט סוף 1936 דערגרייכט א סומע פון 663,7 מיליאן זל. די צאהל אבשפארונגס ביכלעך איז אין בעריכטס-יאהר אויסגעוואקסען מיט כמעט 400 טויזענד, דערגרייכענדיג סוף 1936 יאהר 2.287.000.

אזוי ארום פאלט אויס איין אבשפארונגס-ביכעל פון פ. ק. א. אויף 15 איינוואוינער.

אין טשעקען אומזאץ איז די אלגעמיינע אומזאצען-סומע געוואקסען מיט 576 מיליאן זל. און אויסגעמאכט 28 1 מיליארד זל. עס איז אויך געוואקסען די צאהל טשעק-קאנטא'ס (מיט 1,490), וועלכע בעטרעפט 77.991 קאנטא'ס.

די ענטוויקלונגס דינאמיק פון לעבענס-אסעקוראציע ווייזט ארויס א וואוקס סיי אין דער צאהל פאליסען, סיי אין דער פערזיכערונגס-סומע. אין משך פון די 8 און א האלב יאהר פון איהר עקזיסטענץ האט די דאזיגע אבטיילונג דערגרייכט 125 טויזענד אסעקוראציע-פאליסען אויף דער אלגעמיינער פערזיכערונגס-סומע פון 183,7 מיליאן זל.

די קרעדיט אקציע פון פ. ק. א., געפיהרט אויפ'ן וועג פון אויסקויפען פאפירען מיט שטענדיגער פראצענטירונג (אלזא – אקציע צו שפייזען דאס ווירטשאפטליכע לעבען מיט ביליגען לאנגטערמיניגען קרעדיט). האט אין 1936 זיך אויסגעדריקט מיט א סומע פון 696,1 מיליאן זל., און צוזאמען מיט דער אבטיילונג פאר לעבענס אסעקוראציע – 723,9 מיליאן זל.

די קורצטערמיניגע קרעדיטען, צו וועלכע מיר פעררעכענען קרעדיטען געגען משכנות פון ווערט-פאפירען, אויסקויף פון וועקסלען און אקצעפטען, וועקסעל-קרעדיטען און הלוואות אויף היפאטעקען און פערזעצטע פאליסען, זענען אויסגעוואקסען צוזאמען מיט 5.6 מיליאן זל., דערגרייכענדיג צום סוף פון בעריכטס יאהר 43,1 מיליאן זל. עס איז כדאי אויך אויפמערקזאם צו מאכען אויף דער אקציע צו קרעדיטירען דאס קליינע סוחר'טום, וואס האט זיך אנגעהויבען אין בעריכטס יאהר.

די וועקסעל-אינקאסא אבטיילונג האט אנגענומען 425 טויזענד וועקסלען אויף דער אלגעמיינער סומע 61,5 מיליאן זל., אין פערגלייך מיט'ן פריהערדיגען יאהר האט די דאזיגע אבטיילונג געוויזען א וואוקס פון אינקאסא-וועקסלען אויף 37 טויזענד שטיק.

רעזומירענדיג די אויבען-געבראכטע אינפארמאציעס, זעהען מיר, אז די טעטיגקייט פון פ.ק.א. גרייכט היינט אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון לאנד, צו אלע אהן אויסנאהם ספערען פון דער געזעלשאפט און אויך מחוץ די גרעניצען פון אונזער לאנד, ערפילענדיג צווישען פאלאקען די שליחות פון פערשפרייטען די אידעע פון שפארזאמקייט און לעבענס פארזיכטיגקייט, און אלס דיספאנענט פון ריזיגע סומען, וואס בילדען דאס אייגענטום פון קליינע זאמלער, שאפט זיי איבער פ. ק. א. אין קאפיטאלען, וועלכע קומען צוריק צו די ווירטשאפטליכע אומזאצען אין דער פארם, וואס איז אמבעסטען פערווענדבאר פאר אונזער ווירטשאפטליכען ארגאניזם – אין דער פארם פון ביליגען און צוטריטליכען לאנגטערמיניגען קרעדיט.

די נייע שטאדט-פערוואלטונג איבערגענומען די מאכט.

מאנטאג איז קיין טשענסטאכאוו געקומען דער אינספעקטאר פון זעלבסט-פערוואלטונגס-פערבאנד, ראט סערעדניצקי פון קעלץ און אין נאמען פון קעלצער וואיעוואדע אריינגעפיהרט אויפ'ן נייעם אמט פון שטאדט פרעזידענט דעם ה' יאן שטשאדראווסקי און וויצע פרעזידענט יוזעף דזובא.

דאן האט דער אבטרעטענדער צייטווייליגער שטאדט-פרעזידענט מאטאל פארגעשטעלט פאר'ן פרעזידענט און וויצע פרעזידענט די נאטשעלניקעס פון די בעזונדערע מאגיסטראט אבטיילונגען. ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האט פרעזידענט שטשאדראווסקי זיך געווענדען צו די אנגעשטעלטע מיט א קורצען אפעל וועגען לאיאלער צוזאמענארבייט פאר'ן וואויל פון דער שטאדט און זיין בעפעלקערונג. גלייכצייטיג איז דער אבטרעטענדער פרעזידענט צוגעטרעטען איבערצוגעבען דעם אמט זיין נאכפאלגער.

א שווינדלער פערקויפט גוטענבערג'ס ענציקלאפעדיע.

דער היגער איינוואוינער מ. וו. פון ווילסאנא 62 האט געמאלדען דער פאליציי, אז דעם 2 ד. ח. איז צו איהם אין וואוינונג געקומען אנ'אומבעקאנטער מאנספערשוין און זיך פארגעשטעלט אלס פערטרעטער פונ'ם פערלאג י. פזשיווארעווסקי אין ווארשא, שענקעוויטשא 2, און פארגעשלאגען 20 בענדער גוטענבערג'ס ענציקלאפעדיע. מ. וו. האט מסכים געווען צו קויפען, געבענדיג האנדגעלד 5 זל. ווען ער האט אבער דורך א לענגערע צייט נישט בעקומען די ביכער, האט ער זיך געווענדען צו דער פירמע, וואו ער האט בעקומען א תשובה, אז דער פערשוין, וואס האט זיך פארגעשטעלט אלס לינצער איז נישט זייער פערטרעטער און ער איז געפאלען א קרבן פון א שווינדלער.

מיט'ן וואנדערשטאק אין האנד...

קליינער פעליעטאן

מען האט מיר צו'וויסען געטהון, אז מיין שכן גרונם פלטיאל ליגט קראנק שוין עטליכע טעג אויף דער גריפע און כאטש ער איז שוין כמעט אינגאנצען געזונד, געהט ער נאך נישט ארויס צוליעב דעם קאלטען מזרח ווינד, וואס בלאזט לעצטענס אזוי שטארק; ער חלש'ט אבער, ער געהט ממש אויס מיט מיר צו כאפען א שמועס וועגען די לעצטע געשעהענישען, וואס האבען פאסירט אין אונזער וועלטיל. האב איך דעריבער בעשלאסען צו מאכען א בעזוך מיין שכן, כאפען א שמועס און גלייכצייטיג אויך מקיים זיין די מצוה פון ביקור חולים...

די פרייד, וואס גרונם פלטיאל האט געהאט מיט מיין בעזוך, איז אין לשער. ער האט געשטראהלט פאר שמחה:— ברוך הבא! סקאציל קומט! אנ'אנגעלייגטער גאסט! זעצט זיך! אט אויף אזא אופן האט מיך אויפגענומען מיין שכן, איך האב געהאט דעם איינדרוק, אז אזוי פרעהען זיך יודען, ווען זיי הערען, אז ס'האט זיך געטראפען איינער א נישט יוד, וואס האט געלאזט פאלען א גוט ווארט וועגען אונז. מען קריכט דאמאלס ממש פון די הויט...

נאך די ערשטע אויסטויש-ווערטער: וואס מאכט איהר? ווי לאנג זענט איהר געלעגען? וואס פאר א דאקטאר האט אייך געהיילט? וואס פארא רפואות האט איהר בענוצט א.ג.ל. זענען מיר צוגעטרעטען צו שמועסען וועגען וועלט פאליטיק און וועגען אונזערע היימישע יודישע ענינים.

— ווי געפעלט אייך, הויבט אן מיין שכן—די מעשה אין רוסלאנד, כ'מיין וועגען דעם גרויל-פראצעס, וואס סטאלין פיהרט שוין צום צווייטען מאל אדורך אויף זייגע חברים? דאס איז דאך א סקאנדאל—רעגט זיך אויף מיין שכן. צוערשט האט ער אוועקגע'הרג'ט אזעלכע קעפ, ווי: זינאוויעוו, קאמיעניעוו און חברים און איצט איז געקומען די צייט אויף אזעלכע גדולים, ווי ראדעק, פיאטאקאוו, סאקאלניקאוו און אנדערע. און אינטערעסאנט איז, וואס אזוי גוט ווי ביים ערשטען פראצעס, אזוי אויך ביים צווייטען, זענען זיך די בעשולדיגטע „מודה" אין אלע חטאים, וועלכע מען ווארפט זיי פאר און זיי דערצעהלען נאך אזעלכע עבירות, אין וועלכע מען איז זיי זאגאר נישט חושד.

— בערוהיגט אייך-רוף איך מיך אן צו מיין שכן-ס'לוינט זיך נישט צוליב אזא „קלייניגקייט" אויפצורעגען. דאס איז נישט די ערשטע עולה. פערהאנען זאג איך—אויב מען ווערט נאר א זוך טהון, געפונען נאך אזעלכע ענליכע עולות, וואס ווערען בעגאנגען אויף דער וועלט. און ווען מען זאל זיך יעדע בעגאנגענע עולה נעמען צום הארצען, וואלט מען נישט געקאנט לעבען אויף דער זינדיגער וועלט.

— ניין, נישט דאס מיין איך—לאזט זיך מיין שכן נישט בערוהיגען—איך ווייס, אז די גאנצע וועלט איז נישט מעהר ווי איין גרויסער שקר. אבער זאלען זיי, די רוסישע באלשעוויקעס, נישט איינרעדען קיינעם, אז ביי זיי איז דער גאנצער יושר, אז זיי זענען די איינציגע רעטער פון דער וועלט; זאלען זיי זיך מודה זיין, אז יעדע דיקטאטור, סיי א פאשיסטישע, סיי א באלשעוויסטישע איז שעדליך.

— זאל זיין אזוי—אבער וואס פאר א שייכות האט עס צו אונז—פרובירט איך אראבצוזעהן פון דער טעמא. מיר יודען האבען אונזערע אייגענע דאגות און קלאפאטען, טא וועל איך זיך געהן אננעמען די קשיוורע פון די רוסישע באלשעוויקעס? אט זעהט איהר, אז מיר וועלען שוין האבען אויסגעזארגט, וועלען מיר דאמאלס אפשר אויך קאנען טראכטען וועגען אנדערע. דערווייל אבער, ליבער שכן—פאל איך אריין אין דעם ספעציפישען יודישען קלאג-טאן—איז אונז ביטער אונזער לעבען. פון אלע זייטען האט מען זיך א נעם געטהון צו אונז, אזוי, אז עס ווערט אינז ענג, אט הערט מען כסדר'דיגע רעדעס אין סיים און סענאט וועגען יודען, אין די הויכשולען שלאגט מען אונז — —

— גענוג—רייסט מיר איבער מיין שכן—צו וואס אויפמישען דאס גאנצע בלעטיל, וואס איז אזוי קלאר און דייטליך, גלויבט מיר עס איז גארנישט כדאי וועגען דעם צו רעדען, עס איז נאר א פאראיבערגעהענדע ערשיינונג. עס איז היינט אין דער מאדע צו זיין אנטיסעמיטען, זענען זיי יודענפיינדליך, פון די דאזיגע קליינקעפלדיגע מענשעלעך קאן מען זיך קיין ראיה נישט געמען. הלמאי--זאגט ווייטער מיין שכן—מיר האבען דא אין טשענסטאכאוו א סענאטאר זביערסקי, א לעהרער, וועלכער האט ערשט נישט לאנג געפייערט אין סיים, אז מען דארף פערמאכען אלע ענדעקישע ארגאניזאציעס און די וואך האט ער גאר אין זיינס א רעפעראט אין טשענסטאכאוו גע'דרשנ'ט, אז מען דארף יודען עלימינירען פון גאנצען פאליטישען לעבען. קאן מען דאך פרעגען אזא קשיה: מילא, אז די קריסטליכע סוחרים זענען אנטיסעמיטיש געשטימט, איז נישט קיין וואונדער, זיי פיהלען די יודישע קאנקורענץ, וואס ריהרט אן זייער קעשענע, לייגען זיי אריין די יראה אין דער טומאה און פרעדיגען אנטיסעמיטיזם אין נאמען פון גרויסען אידעאל, אבער וואס, למשל, קאן אזא זביערסקי'ן בעוועגען צו זיין אנטיסעמיטיש געשטימט, פאר קיין יודישע קאנקורענץ האט דאך אזא זביערסקי נישט קיין מורא, נאר וואס דען—יענער איז נישט מעהר, ווי א בער, וועלכער טאנצט אזוי ווי מען שפילט איהם אונטער, דעריבער דארף מען זיך פון די דאזיגע חברה לייט, ווי א זביערסקי, א בודזינסקי, א באקאן נישט נעמען ערנסט. איבריגענס, האט דער פרעמיער-מיניסטער געגעבען אזא בודזינסקי אנ'עצה, זיך צו היילען הייסט עס דאך, אז זיי זענען קראנק, נו, וועגען קראנקע איז גלייכער נישט צו רעדען. דער עיקר, וואס מיך אינטערעסירט, איז די נייע טעריטאריעס, וואס מען לייגט אונז פאר.

— געהט שוין געהט—פרוב איך א מאך צו טהון מיט דער האנד—אויך די דאזיגע בעגליקענישען וועלען נישט זיין קיין רפואה צו אונזער מכה. אמת, מען לייגט אונז פאר עטליכע טעריטאריעס מיטאמאל, ניי-קאלעדאניען, גויאנא, מאדאגאסקאר און ווער ווייסט נאך ווי זיי הייסען, וואס קומט אבער ארויס, אז דאס איז אנ'איי אויף איבערמארגען, פון וועלכען ס'וועט זיך אויסלאזען א בוידעם, אזוי ווי פון אלע ביז איצטיגע קאלאניזאציע-פלענער. איבריגענס, האלט איך נישט פון דער גאנצער ספעציעלער יודישער עמיגראציע. פארוואס מוזען מיר דוקא עמיגרירען און וויפיעל איז עס דער שיעור צו האלטען אין איין וואנדערען. העכער צוויי טויזענד יאהר זענען מיר נע ונד, אפשר איז שוין צייט, אז מיר זאלען זיך ענדליך אפרוהען. און אויב עס האלט וועגען דער יודישער עמיגראציע פון פוילען, איז עס אוודאי אנ'עולה, צי האבען מיר, פוילישע יודען, נישט דאס רעכט צו געניסען פון דיזעלבע פריווילעגיעס וואס אלע איהרע בירגער. מיר יודען האבען דא אין פוילען זינט א סך הונדערטער יאהרען זיך צוזאמענגעוואקסען מיט פוילען-לאנד, געקעמפט פאר איהר גינסטען, פערגאסען אונזער בלוט אויף די שלאכט-פעלדער, אויפגעבויט די אינדוסטריע, ענטוויקעלט דעם האנדעל, און ווען עס קומען היינט מענשען און זאגען, אז מיר זענען פרעמדע, זענען זיי שלעכטע מענשען.

— אמת — זאגט מיין שכן — יפה דרשת, אזוי איז טאקי. וואס קומט אבער ארויס, אז פון טעאריע ביז פראקטיק איז א ווייטער מהלך. קיינער האט טאקי נישט דאס רעכט צו זאגען, אז מיר זאלען זיך אבטראגען פון פוילען, מיר מוזען זיך אבער דאך רעכענען מיט'ן פאקטישען לעבען. מען מאכט אונז ענג דאס חיות, מוזען מיר זיך זוכען א מקום מנוחה — אזוי איז שוין אונזער גורל; מיר מוזען כסדר האלטען דעם וואנדערשטאק אין האנד און זינגען דאס ליעד: „אימער געה, געה, געה, אימער שפאן, שפאן, שפאן כל זמן כחות איז פערהאן".

— יא — זאג איך — אפשר האט איהר טאקי רעכט, אבער וואוהין וועלען מיר עמיגרירען? די אלע מקומות, וועלכע מען לייגט אונז פאר צו עמיגראציע-צוועקען, זענען דאך וויסט און דארט לעבען מענשען-פרעסער, טא ווי אזוי וועלען מיר זיך דארט קאנען איינארדנען?

— דאס זאלט איהר מיר מוחל זיין — צולאכט זיך מיין שכן — רעדט איהר שוין, ווי א שוטה; וואס הייסט מיר וועלען זיך נישט איינארדנען — מיר זענען דאך עפיס יודען, און נישט בלויז אויף דער ערד, נאר ווען מיר בעקומען א טעריטאריע אויף דער לבנה, וואלטען מיר דען נישט געמאכט פון איהר א לייט? און פוילען ווער האט אונגעהויער ענטוויקעלט? און אמעריקא, ארץ ישראל? זייט רוהיג! זאלען מיר נאר בעקומען די מעגליכקייט צו פאהרען — וועגען איבריגען האט מען שוין אויסגעזארגט; יודען, כאטש זיי ווערען געוורפ'ט, האבען זיי אבער נאך נישט פערלוירען זייער ספי'ס און פעהיגקייטען. ס'שאדט נישט, מיר וועלען שוין ווי ס'איז אדורכקומען.

— איך וואלט געוואלט — בליצט אויף א פייערל אין מיין שכנ'ס אויגען — נקמה נעמען אין די אנטיסעמיטען. זיי ווילען פון אונז פטור ווערען, אדרבה, זאלען מיר נאר קאנען; מי יתן, אז אלע דריי מיליאן יודען זאלען האבען די מעגליכקייט מיט איינמאל ארויס פון פוילען. א, דאמאלס וואלט מען געזעהן, וואס פאר א חורבן ס'וואלט געווען צו אונזערע שונאים. גלויבט מיר, קיין גרעסערע שטראף וואלט מען פאר זיי נישט געקאנט אויסטראכטען. ערשט דאן וואלטען זיי איינגעזעהען, וואס פאר א נוצליכער עלעמענט מיר יודען זענען געוועזען פאר פוילען. זיי וואלטען אויף די קניהען געקומען צו אונז זיך בעטען, אז מיר זאלען צוריקקומען. כ'רעד שוין נישט, אז זייער גאנצע פאליטיק וואלט דאמאלס באנקראטירט, ווען זיי וואלטען נישט געקאנט רייטען אויפ'ן יודישען פערדיל, נאר אפילו ווירטשאפטליך וואלטען זיי געפיהלט, אז מיר פעהלען זיי.

כ'גלויב אויך נישט — פערענדיגט זיין געשפרעך מיין שכן — אז פון די אלע נייע טעריטאריעס וועט עפיס ווערען, נאר אויב יא, וועל איך זיין דער ערשטער, וועלכער וועל נעמען דעם וואנדערשטאק אין האנד און זוכען א נייע נעסט, א ניי מקום מנוחה פאר אונזערע ברידער.

א לענגערע צייט זענען מיר געזעסען שטיל, און פלוצים זעה איך, ווי ביי מיין שכן הויבען זיך אן גיסען טרעהרען פון די אזיגען און זיינע ליפען מורמלען אויס דאס אלטע בעקאנטע ליעד פון מאריס ראזענפעלד: „מיט'ן וואנדערשטאק אין האנד, אהן א היים אין אהן א לאנד"...

סמאל.

די געפעהרליכע מורא פאַר מלחמה.

פון לעאָ קעניג.

ס'איז אַן'אַלטער פּסיכאָלאָגישער אמת: „דאס, פאַרוואָס דו האָסט מורא, וועט דיך טרעפען". נערוועזע האבען אַזאַ מאַגנעטישען כח: ווען זיי קלערען אימער צופיעל און מיט מורא וועגען עפּעס אַ געפאַהר, דערנעהנטערן זיי די געפאַהר, וואָלענדיג זי איבערקומען, פּטור ווערען.

נערוועזע מורא שוואַכט אויך אָב די ווידערשטאַנד-כחות פון אַן'אָרגאַניזם (אינדיווידועלען צי סאָציאַלען) און די געפאַהר, די מחלה, וואס וואָלט נישט אַטאַקירט דעם געזונדען אָרגאַניזם, אַטאַקירט שוין ממילא לייכט דעם אָבגעשוואַכטען קערפּער.

מורא קען אויך זיין זיס. מען האט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט מורא פאַר אַ זאַך ביז וואַנען מען לעבט זיך איין אי מיט דער געפאַהר, אי מיט דער מורא פאַר דער געפאַהר, זיי ווערען ביידע היימיש, אַ טייל פון אייער וועזען, פון אייער „איך".

מ'גרייט זיך צו דער געפאַהר, מען לעבט זיך איין מיט דעם געפאַהר, לכתחלה, כדי מען זאָל זי, הייסט עס, קענען בעסער בעקעמפען, אָבער ביסלעכווייז און אומבעמערקטערהייט ווערט די געפאַהר אַזוי היימיש און נאָהנט, אַז מען איז גרייט זי איינצולאַדען און מען ווערט ענטוישט, ווען זי קומט נישט.

אַט אין דעם בעשטעהט די הויפּט-פּסיכאָלאָגישע געפאַהר פון דער איצטיגער מורא פאַר אַ נייער וועלט מלחמה. וועלכע הערשט איצט איבעראַל אין אַלע לענדער און ביי אַלע פעלקער, אַלע האבען מורא, ציטערענדיג אימת המות פאַר אַ נייער וועלט-מלחמה; און ציטערענדיג גרייטען זיי זיך, בעוואָפענען זיי זיך, כדי זי זאָל נישט אויסברעכען און כדי זי בעסער צו בעגעגענען, ווען זי וועט שוין יאָ אויסברעכען.

און אַזוי גרייטענדיג זיך מיט מורא, הויבט מען זיך אָן איינלעבען מיט'ן געדאַנק, אַז זי מוז קומען, אַז זי וועט קומען.

די קומענדיגע וועלט - מלחמה מיט אַלע איהרע שוידערליכקייטען לעבט שוין אין אַלעמענס פּסיכיק, די קומענדיגע וועלט מלחמה איז שוין אַזאַ אוניווערסאַלער פּסיכאָז.

און עס הויבט זיך שוין אָן, דאַכט זיך, וועקען די נערוועזע אומגעדולד:

נו ווען? ווען ברעכט זי שוין אויס? אַ סוף זאָל עס נעהמען און לאָמיר פּטור ווערען פון דער נערוועזער אָבגעשטאַנענקייט.

דערנעהנטערט זיך די מענשהייט אַזוי אַרום צו אַ טראַגישער און פאַטאַלער „מיתה נשיקה"?!

און נאָך אַ געפעהרליכע מורא פאַר מלחמה עקזיסטירט איצט אַ דיפּלאָמאַטישע און טאַקטישע מורא פאַר קריעג, וועלכע איז אפשר נישט פיעל וועניגער געפעהרליך ווי די פּסיכאָלאָגישע מורא.

און די דיפּלאָמאַטיע, וואס ווערט דיקטירט פון אַט דער מורא פאַר אַ נייער וועלט-מלחמה ווערט אָנגעפיהרט פון די איצט אַזוי-גערופענע דעמאָקראַטישע מלוכות—און דער עיקר פון ענגלאַנד און פראַנקרייך.

כמעט אַלע זייערע האַנדלונגען (און נישט האַנדלונגען) ווערען דיקטירט און געאַרבעט פון איין הויפּט-מאָטיוו נישט צוצולאָזען ס'זאָל קומען צו אַ וועלט-מלחמה.

מען האט מורא געהאַט אָנצונעמען שטאַרקערע סאַנקציעס געגען איטאַליען, ווייל מען האט געוואָלט אויסמיידען אַ גרעסערע וועלט-מלחמה.

נו האט עס געהאָלפען? איז די געפאַהר פון אַ נייער וועלט-מלחמה איצט גרעסער אָדער קלענער?

ל. בלום און דר. אידען האבען פאַרגעשלאָגען די פּאָליטיק פון נישט-אינטערווענציע און זיך אָבגעזאָגט צו העלפען דער שפּאַנישער רעגירונג כאָטש זיי האבען די פולע רעכט דערויף געהאַט; און זיי האבען אַזוי פאַרזיכטיג געהאַנדעלט נאָר... ווייל „זיי האבען געוואָלט איזאָלירען די שפּאַנישע ציווילע קריעג, כדי זי זאָל זיך נישט צופלאַקערן אין אַ גרעסערע אייראָפּעאישע קריעג".

נו, האט זיי אַט די פאַרזיכטיגע מורא פאַר קריעג פּאָליטיק געהאָלפען? איז די שפּאַנישע קריעג נישט פאַרלענגערט געוואָרען? און איז איצט די געפאַהר פון אַן'אייראָפּעאישע קריעג נישט גרעסער, ווי צוריק מיט 6 חדשים?

און וואָלט שוין אפשר די שפּאַנישע מראָנעדיע זיך לאַנג נישט געענדיגט בשלום, ווען ענגלאַנד און פראַנקרייך נעהמען נישט אָן די פּאָליטיק פון נישט אינטערווענציע און זאָגען דאַן בפירוש און אָפען, אַז ס'איז זייער רעכט און חוב צו העלפען דער אויסגעוועהלטער שפּאַנישער רעגירונג?

מיט איין וואָרט האט אַט די זעהר פאַרזיכטיגע מורא פאַר מלחמה-פּאָליטיק אין דער אמת'ן זיך אַליין בעזיעגט און נאָר דערנעהנטערט די געפאַהר, וואס זי האט געזאָלט פאַרמיידען?

און וואס וואָלטען היטלער און מוסאָליני געזאָגט ווען ענגלאַנד און פראַנקרייך שפּילען נישט אַזאַ פאַרזיכטיגע און איידעלע פּאָליטיק, ווי זיי האבען געשפּילט און שפּילען נאָך? וואָלטען די צוויי דיקטאַטאָרס געוואַגט און ריזיקירט אַ וועלט-מלחמה? וועלען זיי אפילו איצט וואַגען אַזאַ זאַך?

אסור צו אימיצער גלויבט אין דעם! דאס הונגעריגע דייטשע פאָלק איז איצט נאָך ווייטער פון אַ מלחמה-ווילען ווי עס איז געווען מיט אַ דריי-פיער יאָהר צוריק. און אפילו די איטאַליענישע מאַסען נישט קוקענדיג אויף זייער זיג אין אַביסיניען זענען גאָר ווייט פון וועלען אַ נייע וועלט-מלחמה.

עס קען אפילו זיין, אַז דייטשלאַנד און איטאַליען—און זייערע דיקטאַטאָרס—האבען מעהר מורא און זענען ווייניגער גרייט פאַר אַ וועלט מלחמה ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד זענען... מעהר נישט די צוויי דיקטאַטאָרס זעהען איין, אַז זיי געווינען זיי מאַכען נאָר דעם אָנשטעל, אַז זיי האבען קיין מורא נישט, אַז זיי וואַגען אַלץ.

ווען מען בעהאַנדעלט זיי מיט זיידענע הענטשקעס מאַכען זיי גרעסער זייערע פּויסטען און וואַרטען מען זאָל זיי אַלץ מעהר און מעהר נאָכגעבען.

וואס ווייניגער די דעמאָקראַטישע מלוכות וועלען אַרויסווייזען זייער מורא פאַר די דיקטאַטאָרס און וואס ווייניגער מען וועט בכלל מורא האבען און רעדען וועגען דער נייער וועלט מלחמה אַלץ שטילער און מעסיגער וועלען די דיקטאַטאָרס ווערען און אַלץ ווייניגער בעדראָהט וועט זיין דער וועלט-פרידען.

טשעקאָווע ידיעות

טעכנישע יובּילייען אין יאָהר 1937.

אין יאָהר 1937 וועט זיין אַ גרויס געדעטעניש און טעכנישע יובּילייען. אין פיעל בראַנזשען פון דער מאָדערנער טעכניק און פון דער אינדוסטריע, וועט מען היינטיגעס יאָהר מאַכען גרויסע פייערליכקייטען און די וועלט וועט מאַכען גרויסע הכנות צוליעב די יובּילייען פון פערשידענע ערפינדונגען, וועלכע האבען געבראַכט גרויסען נוצען דער וועלט.

מיר וועלען זיך היינט בעגניגענען מיט'ן אויפצעהלען די וויכטיגסטע יובּילייען, וואס פאַלען אויס היינטיגעס יאָהר. איבער איינצעלנע פון די דאָזיגע ערפינדונגען לוינט זיך צו שרייבען באַריכות אין בעזונדערע אַרטיקלען, וועלכע מיר וועלען ברענגען אין אונזער סעריע פון די „טשעקאָווע ידיעות".

אַ גרויס יובּילײ וועט היי יאָהר פייערן דאס פאָרצעלאַן. אין יאָהר 1687, דאס הייסט פונקט מיט 250 יאָהר צוריק האט מען צום ערשטען מאָל געבראַכט פאָרצעלאַן אויפ'ן מאַרק. אמת איז, אַז די כינעזער האבען שוין מיט הונדערטער יאָהרען צוריק געקענט דאס מאַטעריאַל, אויס וועלכען זיי האבען געמאַכט פאָרצעלאַן, אָבער עס זענען נור געמאַכט געוואָרען איינצעלנע זאַכען, וועלכע האבען געקאָסט אַ הון רב און זענען נור געקויפט געוואָרען פון די דאַמאָלסדיגע מלכים ושרים. דאס פאָרצעלאַן, וואס מיר האבען היינט אין יעדער שטוב, ווערט ערשט איצט אַלט 250 יאָהר.

מיט הונדערט יאָהר צוריק, אין יאָהר 1837 האט מאָרזע אויסגעבויט דעם טעלעגראַף מיט זיינע צייכענס, וועלכע מ'בענוצט נאָך עד היום אין דער גאַנצער וועלט.

מיט פופציג יאָהר צוריק, 1887, האט מען ערפינדען דעם ערשטען אויטאָמאָביל.

דאַכט זיך אַ קלייניגקייט—די נאָדעל—וואס מ'בענוצט צום נייהען אויף ארבע פנות העולם, האט מען מיט 125 יאָהר צוריק צום ערשטען מאָל אָנגעהויבען צו פאַבריצירען אין אַן'ענגלישער שטאָל-פאַבריק. די דאָזיגע קלייניגקייט האט אָנגעמאַכט אַן'איבערקעהרעניש אויף דער גאַנצער וועלט.

אין יאָהר 1817 האט מען ערפינדען דעם וועלאָסיפּעד (ראָווער), קודם מיט דריי און דערנאָך מיט צוויי רעדער. ס'ווערט איצט 120 יאָהר.

מיט 90 יאָהר צוריק—1847—האט מען ערפינדען די ערשטע ניי-מאַשין, וועלכע ווערט היינט פערוואַנדעט אפילו אין די לענדער פון די ווילדע שבטים.

אין דעמזעלבען יאָהר האָט מען ערפינדען די ערשטע ראָטאַציאָנס-מאַשין, אָהן וועלכער ס'קען היינט נישט געדרוקט ווערען קיין שום מאָדערנע צייטונג אין דער וועלט.

מיט זיבעציג יאָהר צוריק, אין יאָהר 1867, האט נאָבעל ערפינדען דעם דינאַמיט. מיט דער דאָזיגער ערפינדונג האט ער געמאַכט אַזאַ גרויס פערמעגען דאס ער האט געגרינדעט זיין בעריהמטע נאָבעל-שטיפטונג, וואס גיט יעדעס יאָהר אַוועק, כידוע, אַ טייל פונ'ם געווין פאַר בעזונדערע גרויסע לייסטונגען אויפ'ן געביעט פון פערשידענע וויסענשאַפטען.

אין דעמזעלבען יאָהר 1867 האט מען אויך געפונען דעם סוד צו מאַכען אייזען בעטאָן. אָהן דער דאָזיגער ערפינדונג וואָלט עס נישט מעגליך געווען אויסצופיהרען די היינטיגע מאָדערנע גרויסע הייזער און וואָלקענקראַצערס, וועלכע האַלטען זיך נאָר אַדאַנק דעם אייזענבעטאָן.

מיט הונדערט יאָהר צוריק, 1837, האט מען געבראַכט צום ערשטען מאָל שוועבעלעך אויפ'ן מאַרק. איבער דער דאָזיגער ערפינדונג איז עד היום אַ מחלוקה צווישען די פראַנצויזען וועלכע זאָגען, אַז זייערס אַ לאַנדסמאַן האט געמאַכט די ערפינדונג און צווישען די אונגאַרן, וועלכע זאָגען, אַז דער פראַנצויז האט פון זייער לאַנדסמאַן געקויפט די ערפינדונג און האט זי אויסגעגעבען פאַר זיין ווערק. מיט עטליכע חדשים צוריק האבען די אונגאַרן אויפגעשטעלט אין בודאַפּעשט אַ דענקמאָל פאַר דעם אונגאַרישען ערפינדער פון שוועבעלעך.

אין יאָהר 1877 האט עדיסאָן ערפינדען דעם פּאָנאָגראַף. יאָהרען לאַנג האט ער זיך דערמיט אַרומגעטראָגען און קיינער האט נישט געוואָלט גלויבען, אַז דאס וועט זיין אַ געשעפט, וואס וועט זיך לוינען צו פאַבריצירען.

מיט 40 יאָהר צוריק – 1897 – האט מאַרקאָני געמאַכט די ערשטע פּרובען צו טעלעפאָנירען אָהן דראָט און האט אַזוי אַרום געלעגט דעם ערשטען שטיין צו דעם בנין, וואס רופט זיך: ראַדיאָ.

אויך אין יאָהר 1847 איז ערפינדען געוואָרען דער דיזעל מאָטאָר, וועלכען מ'בענוטיגט היינט אין אַלע עלעקטריציטעטס ווערק פון דער גאַנצער וועלט.

ז. האבער.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

אויפ'ן עולם התוהו...

ביי יעקב גאַרדין איז פערהאַנען אַן'ערצעהלונג א. נ. „אויפ'ן עולם-התוהו". עס ווערט געשילדערט, ווי אַזוי מען האט אַ יודען אין די צייטען פון גזירות-שמד אויסגעקריצט אַ צלם אויפ'ן האַרצען, און ווען יענער איז געשטאָרבען, האט איהם קיין שום בית עולם נישט געוואָלט צו נעמען צו זיך.

די חברה קדושא האט גע'טענה'ט, אַז היות ער טראָגט אויף זיך אַ צלם, געהערט ער צום קריסטליכען בית עולם; די קריסטליכע חברה-מקברים ווידער האבען ערקלערט, אַז היות ער איז אַ יוד און דעם צלם האט מען איהם מיט געוואָלט אויסגעברענט אויפ'ן האַרצען, דעריבער געהערט ער צום יודישען בית עולם.

ווען מען האט דעם בר מינן נאָך לאַנגע אַרומרייסענישען דאָך בעגראָבען אויפ'ן יודישען בית עולם, האט איהם דער מלאך הדומה אויסגענומען פון קבר און איהם אונטערגעוואָרפען דעם קריסטליכען בית עולם. די קריסטליכע מקברים האבען זיך אָבער אויך נישט געלאָזט בלאָזען אין דער קאַשע אַריין און אין דער טיפער פינסטערניש פון דער נאַכט האבען זיי אומבעמערקט ווידער דעם מת אונטערגעוואָרפען דעם יודישען בית עולם.

אַזוי האט דער דאָזיגער אומגליקליכער יוד נישט געפונען קיין מקום מנוחה נאָכ'ן טויט און ער האט געמוזט וואַנדערען אויפ'ן עולם התוהו.

אין אונזערע צייטען קומען ליידער אַזעלכע עולם התוהו-וואַנדלונגען פאַר מיט לעבעדיגע יודען, וועלכע קאָנען נישט געפונען קיין מקום מנוחה, מען וואַרפט זיך מיט זיי און זיי וואַנדערען כסדר אַרום אויפ'ן עולם התוהו.

היטלער דייטשלאַנד האט מיט אַ פייערדיגען אייזען אויסגעברענט אויף די דייטשע יודען דעם האַקען-קרייץ און לויט די נירענבערגער געזעצען האבען יודען אין דייטשלאַנד פאַרלוירען זייער בירגער-רעכט, האט דאָרט געלעבט אַ געוויסער סמילאַווסקי, וועלכער האט אין 1935 טען יאָהר פאַרלוירען זיין בירגער-רעכט און מען האט איהם אַריבערגעוואָרפען איבער דער טשעכישער גרעניץ. האט מען איהם דאָרט געכאַפּט, איינגעזעצט אין טורמע און שפּעטער איהם צוריק אַריבערגעוואָרפען איבער דער דייטשער גרעניץ. האט מען איהם אין דייטשלאַנד ווידער געכאַפּט, און היות ווי קיין דייטשער בירגער איז ער שוין נישט געווען, האט מען איהם ווידער איינגעזעצט אין תפיסה און שפּעטער איהם נאָכאַמאָל צוריק אַריבערגעוואָרפען (איך שרייב „אַריבערגעוואָרפען", ווייל אַזוי שטעהט בפירוש אין די אַקטען פון דעם אויבענדערמאַנטען „פערברעכער") איבער דער טשעכישער גרעניץ. האט מען איהם ווידער געכאַפּט, איינגעזעצט אויף אַ לענגערע צייט אין תפיסה. און איהם צוריק אַריבערגעוואָרפען שוין איבער דער פוילישער גרעניץ, וואו מען האט איהם אויך געכאַפּט אויף דערווייל איינגעזעצט אין דער טשענסטאָכאָווער תפיסה. איצט וועט ערשט פאָרקומען זיין פּראָצעס.

אויף וויפיעל מען וועט איהם פער'משפט'ן פאַר גנב'ענען די פוילישע גרעניץ, איז נישט וויכטיג, ווייל פּאַקטיש איז גלייכגילטיג פאַר דעם אומגליקליכען, ער זאָל בעקומען אַ האַרבערע שטראָף, וועט ער כאָטש זיין פאַרזאָרגט אויף אַ שטיקעל צייט מיט אַ דירה און מיט אַ ביסען ברויט, נאָר אייביג וועט מען דאָך איהם נישט האַלטען אין תפיסה, מען וועט דאָך איהם סוף-כל-סוף אַרויסלאָזען, טאָ וואו וועט ער זיך אַהינטהון, איבער וועלכער גרעניץ וועט מען איהם יעצט אַריבערוואַרפען?

ביי יעקב גאַרדין האט מען ערשט געמוזט שטאַרבען, כדי צו וואַנדערען אויפ'ן עולם התוהו. היינט אָבער, אין אונזערע צייטען פון קולטור און פּראָגרעס, וואַנדערען אַרום לעבעדיגע יודען אויפ'ן עולם התוהו.

פון רעוויזיאָניסטישען פראָנט

אונזער שטאָדט האט נישט קיין מזל צו קיין רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַט גיט זי אַ שטראַהל אויף, מען מאַכט אַקציעס, מען אָרגאַניזירט זיך, מען דרוקט קאָמוניקאַטען אין דער פּרעסע און מיט איינמאָל ווערט אַלץ פערשוואונדען, אַזוי ווי זי וואָלט קיינמאָל נישט עקזיסטירט.

דערצעהלט מען, אַז האַרט פאַר ניי-יאָהר האט דער צמאָליגער פּרעזעס פון די רעוויזיאָניסטען אַלאַרמירט די רעוויזיאָניסטיש-געשטימטע יוגענד צו קומען אויף אַ מאָביליזאַציע-פּראָגראַם-לונג און זיך נעמען צו אַ פרישער אויפלעבונגס-אַרבייט. ווי געוועהנליך איז געקומען אַ גרעסערע גרופּע יוגענד, די עלטערע זענען מוחל, ווי ס'ווייזט אויס, די טובות. מען האט דאָרט הייס דיסקוטירט, מיט וועמען די רעוויזיאָניסטען זאָלען סימפּאַטיזירען: צו מיט... דער לעגאַלער שפּאַנישער רעגירונג אָדער מיט די „העלדען" פון „אַלקאַזאַר", אַזוי ווי עס פערהערליכט זיי זייער פיהרער אבא אחי מאיר און דער „גענעראַל" ספּעקרעטאַר קלאַרמאַן אין וואַרשאַ. סוף כל סוף איז בעשלאָסען געוואָרען—אַז וועגען אַזעלכע הויכע ענינים זאָל דעצידירען—דער פיהרער זשאַבאָטינסקי... דער עיקר איז, אַז מען האט אויסגעדריקט צוטרויען דעם טשענסטאָכאָווער פּרעזעס און בעשלאָסען צוצוטרעטען צו דער אַרבייט. ליידער אָבער איז דער בעשלוס געבליבען אויפ'ן פּאַפּיר. (אויב מען האט נאַטירליך די דאָזיגע בעשלוסען בכלל פּראָטאָקאָלירט...)

פון דאַמאָלס אָן איז שוין אַוועק העכער אַ חודש און קיין זיצונג איז נאָך נישט פאָרגעקומען, קיין אַקציע אויך נישט אונטערגענומען געוואָרען און קיין קאָמוניקאַטען האט מען נישט פערעפענטליכט.

ס'פרעגט זיך דעריבער וואו ווערען פערוועגדעט די כוחות, וואו קומט אָהין דער טעמפּעראַמענט, וואס האט אַרויסגעשפּראָצט שטענדיג ביי דער רעוויזיאָניסטישער יוגענד?

ווי איהר זעהט, איז ביי אונז אין שטאָדט רוהיג אויפ'ן רעוויזיאָניסטישען פראָנט...

טריפה'נע קצבים...

דערווייל איז נאָך נישט אין בעסטען אָרדנונג מיט דער כשר'ער שחיטה ד. ה. מען דערלויבט צו שחט'ען פאַר דער יודישער בעפעלקערונג אויף כשר און מען האט זאָגאַר בעשטימט אַ קאָנטינגענט כך ופך. מיר האבען אפילו געמאַכט אַ געוואַלד, אַז דער בעשטימטער קאָנטינגענט איז צו ווייניג, נאָר ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, וועלען מיר אַליין צופיהרען דערצו, אַז מען זאָל דעם קאָנטינגענט נאָך אונז פערקלענערען.

ווער ס'איז דערין שולדיג: די יודישע קצבים אָדער די יודישע בעפעלקערונג —ווייל איך איצט נישט אורטיילען, כאָטש אַז מען וויל צוריק שמועסען זענען אַלע שולדיג—סיי די קצבים, סיי די קאָנסומענטען. עס געהט אַ גראַנגעל וועגען אָנערקענען אונזערע רעכט אַלס יודישער קבוץ מיט זיינע רעליגיעזע אַנשויאונגען, און צוליעב אַ פּאָר נאַרישע גראָשען מאַכען מיר פון אַלעם אַ תל. מען טאָר נישט קויפען קיין בשר חוץ, נאָר מען מוז נוצען דאס פלייש, וואס ווערט געשאָכטען אין היגען שחט-הויז; אַלע אַנדערע פליישען דאַרפען זיין פאַר אונז טריפה. וואס קומט אָבער אַרויס, אַז נישט בלויז די יודישע בעפעלקערונג איז אין דעם נישט נזהר, נאָר אפילו אַ טייל קצבים זעלבסט זינדיגען אויך אונטער אין דער דאָזיגער הינזיכט און דאס וועט זיך ליידער אין זיי און אין אונז אַלעמען נוקם זיין בקרוב בימינו.

קלאָר געזאָגט, עס האַנדעלט זיך דערין וואס היות די יודישע קאָנסומענטען קויפען פלייש פון נישט לעגאַלער שחיטה ווערט אין היגען שחט-הויז ווייניג געשאָכטען אויף כשר אַזוי, אַז עס ווערט נישט אויסגעשעפּט דער בעשטימטער קאָנטינגענט, במילא וועט די אויפזיכטס-מאַכט דעם נייעם קאָנטינגענט פאַר דער יודישער בעפעלקערונג שטאַרק פערקלענערען.

די דאָזיגע געלעגענהייט נוצען אויס די לינקע שוחטים, וועלכע האבען איצט אַ ברייט פעלד פאַר זייערע גנבה'שע שטיק. זיי שעכטען אויף

א בעזוך אין דרום פון ארץ-ישראל

אין א שעהנעם נאוועמבער טאג פער-לאזען מיר, א גרופע זשורנאליסטען, תל-אביב כדי צו בעזוכען באר-טוביה, די בליהענדע קאלאניע אין דרום פון ארץ-ישראל.

דער וועג פיהרט אפוועקסעלנד דורך יודישע און אראבישע ערד, מיט שעה-נע פרדסים, וועלכע זענען שווער בע-לאדען מיט אפעלסינען און גרייפפרוכ-טען.

אין א דריי פערטעל שעה ארום פאהרט אונזער פול געפאקטער אויטא-בוס אריין קיין באר-טוביה. פון ביידע זייטען ציהען זיך אין א לאנגער רייהע שעהנע איינשטאקיגע הייזער, אלע שעהן, זויבער ווייס געקאלכט. אין די ארומגעצוימטע הויפען זעהען מיר ראַ-סיגע בהמות ארומשטעהן און גרויסע הינער-שטייגע, מיט הונדערטער ווייסע הינער.

ארום און ארום זעהט מען גרויסע גערטנער מיט ירקות און ביי יעדען הויז א גערטל מיט בלומען. דא און דארטען זעהט איהר מענשען געבויגט איבער די ערד-בייטען פערטהון אין זייער ארבייט. זיי בעהערען אונז אפילו נישט מיט זייער בליק.

מיר פאהרען דורך דער גאנצער לענג פון באר-טוביה און שטעלען אונז אב ביים הויז, וואס איז בעשטימט צו זיין אונזער אכסניה אויף א קורצע צייט. אין צוויי געראמע צימערן זע-נען אויפגעשטעלט לאנגע געדעקטע טישען, וועלכע לאדען אונז איין צו א קורצער סעודה. דער עולם זשורנאליס-טען איז שטארק אויסגעהונגערט פון דער רייזע און לאזט זיך לאנג נישט בעטען.

און אז מען האט דעם הונגער א ביסעל געשטילט, האט זיך אנגעהויבען די סדרה פון פראגען. — דער בעל-הבית גיט אויסקונפט. דאס איז א מענש פון א יאהר איינציג און פערציג, וועלכער איז אין לאנד שוין 23 יאהר. ער רעדט אהן בעציימעניונג און אהן פאטאס, און ער דערצעהלט: באר-טוביה איז איינע פון די אלטע יודישע קא-לאניעס און האט זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט איהר ארימקייט. די ערד געהערט דעם קרן-קימת. פאר דער מלחמה האט יעדע משפחה בעזעסען 300 דונאם באדען. עס איז אבער נישט געווען קיין וואסער און דאס ביסעל משפחות זידלער פלעגען דערפען פאה-רען אין דעם דערבייאיגען אראבישען דארף פיהרען וואסער מיט א פאס. אט צוליעב דעם טאקע האט זיך דער ישוב נישט ענטוויקעלט. באר-טוביה איז בע-שטאנען פון פשוט'ע הייזלעך און איז געווען אויף קלאגען.

און דא זענען אויסגעבראכען די אונרוהען פון 1929 און דער יודישער ישוב דארט איז זיך צולאפען און די אראבער האבען פערברענט באר-טוביה און איהר חרוב געמאכט.

נאכדעם ווי די לאגע האט זיך בע-רוהיגט, זענען געווען מיינונגען, אז מען זאל זיך אבזאגען פון באר-טוביה און נישט אנהויבען ווייטער מיט דעם פערזוך זי אויפצובויען.

און אז די ידיעה איז דערגאנגען צו די יודישע ארבייטער אין גליל התחתון האט זיך א גרופע פון זיי געלאזט קיין באר-טוביה אויפצובויען איהרע חורבות אויף א אנדער באזיס.

אין משך פון 7 יאהר איז אויפגעוואק-סען א גרויסער יודישער דארף, וועל-כער צעהלט היינט 101 משפחות זיד-לער און 25 משפחות בעלי-מלאכות און פרייע בערופען.

מען גיט שוין היינט נישט קיין 300 דונאם ערד פאר א משפחה, די איינ-הייט איז ארונטער ביז 31 דונאם פאר א משפחה און וועט נאך ווייטער ארונ-טערגעהן, ווען דער גאנצער שטח וועט זיין בעוואסערט.

יעצט איז באר-טוביה א בליהענדער ישוב, וואס בעשעפטיגט זיך בעיקר מיט געמישטע ווירטשאפטען און יעדען טאג ליפערט זי 4000 ליטער מילך קיין תל-אביב.

די קלימאטישע און די באדען-בעדינ-גונגען זענען אזוינע, אז דארטען וואק-סען גלייכצייטיג עפעל און פאלמעס, קארטאפעל און אפעלסינען.

באר-טוביה האט דאס גליק צו האָ-בען אונגערקעס אין די חדשים יוני — אויגוסט, ווען אין גאנץ ארץ-ישראל איז דער מין נישטא. נוצט טאקע באר-טוביה די אונגערקעס געלעגענהייט גוט אויס און מאכט דערפון גאנץ גוטע גע-שעפטען.

אונזער אויטאבוס האט נאר קוים פערלאזען באר-טוביה און אונזער פיה-רער מעלדעט אונז, ווייזענדיג מיט דער האנד: אט פון דאנען קענט איהר זעהען די ערד, אויף וועלכער עס ווערט איינגעארדענט דער נייער ישוב „קרית שמואל“.

די ערד געהערט א תל-אביב'ער פריוואט מענש, וועלכער האט דעם שטח אבגעקויפט פון אראבער און געפונט זיך פון ביידע זייטען פון דער שאסיי תל-אביב — עזה.

דער דערמאנטער הער האט זיך פיעל משתדל געווען, אז מען זאל פערבינדען דאס אן א זייט-ליגענדע באר-טוביה דורך א הילפס-שאסיי מיט דעם הויפט-שאסיי און ער האט אויך אבגעגעבען א טייל פון זיין ערד צו דעם צוועק. די בעמיהונגען האבען גע-האלפען און היינט שניידט אדורך א הילפס-שאסיי די ערד פון קרית שמואל אין א לענג פון 1300 מעטער בערך, וועלכער פיהרט פון הויפט-שאסיי קיין באר-טוביה.

און ווייטער פיהרט אונזער וועג קיין גבעת ברנר, איינער פון די גרעסטע און איינגעארדענטסטע קבוצות אין לאנד. אין דער קבוצה געפונען זיך א סך פריהערע אדוואקאטען, מוזיקער, מאלער און דאקטוירים פון דייטשלאנד, וועלכע האבען פערגעסען זייער עבר און זיך איינגעשטעלט אויף פיזישע ארבייט און קבוצה-לעבען.

ג. ה.

וויפיעל פערדיענט דער מחבר פון דער „מיקי-מויז“?

נישט פערהאנען היינט כמעט איין לאנד אין דער וועלט וואו מ'זאל נישט קענען די פילמען מיט דער „מיקי מויז“. אפילו אין לענדער, וואו גרעטע גארבא איז נישט בעקאנט, איז די „מיקי-מויז“ א היימישער מענש, אין סאוועטען רוס-לאנד איז זי געקרוינט געווארען מיט'ן טיטעל „נענאסטע מיקי“.

ווייניג מענשען ווייסען אז די גאנצע „מיקי מויז“ איז ערשט מיט עטליכע טעג צוריק אלט געווארען אכט יאהר און לכבוד דעם דאזיגען יובילעאום האט דער מחבר פון דער „מיקי מויז“ ארויסגעגעבען איהרע „זכרונות“, אין וועלכע ער בעשרייבט אויך ווי אזוי די „מיקי-מויז“ איז נולד געווארען.

וואלט דיסניי, אנ'אמעריקאנער פון קאנזאס, וואס וואוינט איצט אין האָ-ליוואוד, איז דער ערפינדער פון דער „מיקי-מויז“. אין די יונגע יאהרען האט ער געלעזען א סך בעשרייבונגען פון בהמות און עופות און אזוי ווי ער קען גוט צייכענען, פלעגט ער אריינ-שיקען קאריקאטורען פון פערשידענע בהמות צו אמעריקאנישע צייטונגען און האט דערפון געהאט קארג פרנסה...

מיט אכט יאהר צוריק איז איהם איינגעפאלען צו צייכענען א מייזיל און צו מאכען דערפון א קליינעם פילם, וועלכער איז שטארק געפעלען, ווייל ס'איז געווען עפיס נייעס אין דער פילם וועלט. היינט בעשעפטיגט מען צוויי־הונדערט פון די בעסטע צייכ-נערס, וואס מאכען די „מיקי-מויז“-פילמען. א גאנצע חברה פון שרייבערס ארבייט אויס מעשיות פאר דער „מיקי-מויז“. יעדער פילם קומט אן מיט גרויסע שוועריגקייטען. מ'האט אויסגערעכענט, אז ווען איין מענש אליין זאל וועלען מאכען אזא פילם, וואלט ער געמוזט דערביי ארבייטען פינף יאהר צו 24 שעה א טאג. עס זענען פערהאנען אייגענע שולען, אין וועלכע די בעסטע צייכנער לערנען א גאנץ יאהר מאכען „מיקי-מויז“ פיל-דער, ביז וואנען אזא צייכנער לערנט זיך דאס אויס, קאסט ער אב די גע-זעלשאפט טויזענד פונט שכר-לימוד...

דורך די גרויסע הוצאות, וועלכע מ'בענויטיגט צו אזא פילם און דורך די גרויסע געהאלטען וואס ס'קאסטען אב די מיטארבייטערס, פערדינט דיסניי נישט קיין סך ביי די פילמען, פאקט זיי זענען ביז היינט געשפילט געוואָ-רען נישט ווייניגער ווי 468 מיליאן מאל. דיסניי האט דאס רעכט פון די „מיקי-מויז“-פילמען איבערגעגעבען א געזעלשאפט, וואס צאהלט איהם דער-פאר טון 120 פונט א חודש. און דאך איז דיסניי היינט א גרויסער מיליאנער.

זיינע הכנסות האט ער פון די הב-רות, וואס פאבריצירען ארטיקלען מיט'ן בילד פון דער „מיקי מויז“. דיסניי דערצעהלט זיבערבער, אז מיט אנ'ערך זיבען יאהר צוריק, האט איהם אנ'ענ-גלישע פירמע געבעטען, ער זאל איהר ערלויבען אויסצושטעלען אויפ'ן לייפ-ציגער יריד א „מיקי מויז“-טאן (שפע).

דיסניי האט דערצו געגעבען זיין ערלויבניש און דערפאר פערלאנגט 20 פונט א יאהר. ער האט גערעכענט, אז עס וועלען זיך דערנאך אפשר מעלדען צעהן פירמעס, וואס וועלען איהם איינברענגען א יאהר פרישע 200 פונט.

דערווייל האבען זיך געמעלדען אזוי פיעל פירמעס, אז דיסניי האט געמוזט גרינדען אנ'אייגענע „מיקי מויז“-געזעל-שאפט, וואס זאל זיך בעשעפטיגען מיט פערגעבען קאנצעסיעס צו מאכען „מיקי מויז“-ארטיקלען. די דאזיגע געזעלשאפט האט היינט 44 פיליעס אין אלע גרע-סערע שטעדט פון דער וועלט.

ס'איז היינט נישט פערהאנען קיין איין בראנזשע, וואס זאל נישט ארביי-טען קיין „מיקי מויז“-ארטיקלען, פאר קינדער און דערוואקסענע, עסענוואַרג און טעקסטיל, אלעס ווערט געמאכט מיט דער מארקע „מיקי-מויז“ און די די פאבריקאנטען מאכען דערביי א גוט געשעפט, ווייל מ'קויפט די ארטיקלען.

פון די דאזיגע „מיקי-מויז“ געזעל-שאפטען האט דיסניי געהאט א הכנסה אין די לעצטע יאהרען פון אנדערהאל-בען מיליאן פונט. דערצו קומט נאך דאס האנאראר פון די צייטונגען, וואס בריינגען שטענדיג בילדער און בעשריי-בונגען פון די נייע „מיקי מויז“ פילמען און צאהלען דערפאר דיסניי א שעהנע אפותיקא.

ווערט אזא „מיקי-מויז“ פילם פערטיג ווערט ער קודם געוויזען אין די „מיקי מויז“ קלובען, וואס זענען פערהאנען אין גאנץ אמעריקא. די מאמעס און די קינדער, וואס זענען מיטגלידער פון די קלובען, זאגען ארויס זייער מבינות אויף דעם פילם צי ער איז גוט אדער מ'מוז איהם ענדערן. ערשט דערנאך ווערט דער פילם אויסגעפיהרט אין די קינא'ס פון דער גאנצער וועלט.

איינמאל האט דיסניי געוויזען א „מיקי-מויז“, וואס רויכערט און טרינקט. אזוי ווי אבער די מאמעס און אויך די קינדער איז נישט געפעלען דאס טרינ-קען און דאס רויכערן, האט מען דעם גאנצען פילם פערברענט און קיינמאל האט מען נאך נישט געזעהן מיקי'ן טרינקען אדער רויכערן...

ז. ה.

רעכטס אין לינקס, און די יודישע בע-פעלקערונג, וועלכע האט מרעיש עולם געווען, אז מיט דער שחיטה-גזירה מאכט מען אנ'אטענטאט אויף די רע-ליגיעזע געפיהלען פון די יודען, זיי אליין פערשוויגען דאס אלעס.

אויף א פערזאמלונג פון קצבים האב איך געהערט, ווי מען בעצייכענט די יעניגע פליישער, וועלכע פערקויפען פלייש פון דער „הומאניטארער“ שחיטה, אלס טריפה'נע קצבים. האב איך מיר געטראכט, אז צו דער דאזיגער קא-טעגאריע דארפען געהערען די לינקע שוחטים, וועמעס שחיטה איז אויך טריפה, דאן אלע קצבים, וועלכע שמוג-לען פלייש און פערקויפען עס אלס כשר, און אחרון, אחרון-די יודישע קאנסומענטען, וועלכע קויפען נישט דאס פלייש אין די לעגאלע יאטקעס, נאר ביי די ארומטראגער. אט די אלע אויבען אויסגערעכנטע דארף מען בעצייכענען אלס טריפה'נע, פונקט אזוי ווי די טריפה'נע קצבים...

ער האט א טעות, דער „גאניעץ“

איהר האט דאך מסתמא געלעזען וועגען דער נייער פראוואקאציע פון „גאניעץ“, וועלכער רייצט אויף די נידריגסטע אינסטינקטען פון דער קריסטליכער מאסע, זי זאל זיך נוקם זיין אין די יודישע קינדערלעך, וועמען זייערע מאמעס פיהרען אין „וואזקעס“, ווייל זיי וואגען צו בעטרעטען די היי-ליגע קריסטליכע ערד פון אונזער שטאדט.

אז דער „גאניעץ“ האט אויף זיין געוויסען א סך יודישע לעבענס, איז א פאקט. נישט איינמאל האט ער גע-העצט געגען יודען און אפטמאל האט עס זיך איהם איינגעגעבען. איצט אבער האט ער דאכט זיך א שטיקעל טעות. דער „גאניעץ“ בעוואונדערט דעם „שלאכטענעם“ געדולד פון די פוילישע מאסען און גוט אנצוגעהערען, אז מען דארף רעאגירן... דערהערענדיג דאס, בין איך שבת אוועק אין די אלעען און געוואלט ווארענען די יודישע מאמעס מיט די וועגעלעך פאר קאנסעקווענצען. זעלטען אבער האב איך אנגעטראפען א יודישע מאמע. כמעט אלע קינדער-וועגעלעך זענען געווען בעדינט דורך —„טפו“ זאלען זיי ווערן-קריסטליכע שיקסעס...

ס'פערשטעהט זיך, אז איך האב זיך מיט זיי נישט ארייגעלאזט אין קיין געשפרעך, נאר געוואונדערט האט מיך אויפ'ן „גאניעץ“. וואס וויל ער דא האבען, וועמען מיינט ער דאס? אפשר איז ער גאר אויסען, אז קריסטליכע דינסטען זאלען נישט ארבייטען ביי זשידעס? נאר דאס גלויב איך נישט אויפ'ן „גאניעץ“, ווייל ער אליין ווייסט דאך פון זיין אייגענער פראקטיק, אז אויך ער, דער „גאניעץ“ איז רייך געווארען, נאר א דאנק דעם, וואס די יודען האבען איהם אונטערגעשטיצט. איז נישט אנדערש-בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג-נאר אז דאס מאל האט דער „גאניעץ“ נעביך גע-האט א טעות...

און זיי זענען בעסער?...

מען האט ערשט דערמאנט דעם „גא-ניעץ“, וועלכער איז בלוט-דורשטיג און האט פיינד א יודען בתכלית השנאה. גלויבט מיר, מען רעדט דאך צווישען זיך און קיינער הערט דאך אונז נישט: ס'זענען פערהאנען יודען, זאג איך אייך, וואס מען מעג זיי שטעלען אויף איין ברעטיל מיט'ן „גאניעץ“.

עס פיהרט זיך א קאמף שוין יאה-רען און דורות וועגען אנערקענען דעם גרויסען יודישען קיבוץ אין פוילען אלס א נאציאנאלע איינהייט, וועלכער ס'קו-מען געוויסע נאציאנאלע רעכט, זענען אבער נאך פערהאנען צווישען אונז גופא אזעלכע יודען, אימשטיינס גע-זאגט, וועלכע זענען די גרעסטע שונ-אים פון נאציאנאלען יודישען געדאנק און שפייען עפענטליך אויף אלע אונ-זערע הייליגקייטען.

די דאזיגע ברואים האט נישט אי-בערצייגט היטלער, נישט אונזערע היי-מישע ענדעקעס, נישט אלע איבעריגע שונאים; זייערע הערצער זענען פער-פרוירען און די מחות פערקאלכט, זיי קאנען נישט פיהלען און נישט דענקען.

יענע וואך איז געשטארבען אזא איינער, האט מען געגעבען א נעקראָ-לאג אין א פוילישער צייטונג. ווען א יודישע צייטונג האט זיך געוואנדען וועגען געבען א נעקראלאג, האט מען זיי אפילו נישט געפינען פאר נויטיג צו ענטפערען, און אויב דאס איז אייך ווייניג, וועל איך אייך דערצעהלען נאך א שענערע זאך; דערזעלבער יוד איז געווען א מיטגליד אין דער גע-זעלשאפט „אחיעזר“. פיהרט זיך, אז מיט דער לויה פון איהרס א מיטגליד פערנעמט זיך די אינסטיטוציע און מאכט אויך קלעפסידרעס. היות אבער, ווי דער „אחיעזר“ מאכט אויך די קלעפסידרעס אין דער יודישער שפראך, האט די פאמיליע פון פערשטארבענעם דערפון רעזיגנירט, אבי ס'זאל זיך חס ושלום נישט געפונען קיין יודיש ווארט וואס קאן נאך חס ושלום עפענטליך „פערשוועכען“ דעם כבוד פון פער-שטארבענעם.

אט אזעלכע יודען זענען נאך פער-האנען צווישען אונזער מחנה. נו, זע-נען זיי בעסער פון די אנטיסעמיטען? אין מיינע אויגען זענען אט די דאזיגע העפליכע יודען נאך ערגער.

ליכטיגע פייערן אין דער פינ-סטערניש

דער „וישמן ישורון ויבעט“ איז א ריכטיגע דעפיניציע, אויב עס האנ-דעלט זיך וועגען פאלק ישראל, ווייל פאקטיש זעהען מיר, אז ווען יודען בעהט גוט, פערגעסען זיי אין זייערע נאציאנאלע קולטורעלע אייגענשאפט און קלאמעוען זיך אין פרעמדע קול-טורען. דאגעגען, ווען ס'ווערט אביסעל ענגער, ווען די אומות העולם, פאר וועלכע מען טאנצט „מה-יפית“, הויבען אונז אן צו געבען א „בריקע“ און מען זאגט אונז פאשאל וואן!, דאמאלס הויבען מיר אן צו טראכטען וועגען: כרמי שלי.

ראיות לדבר: דארף מען נישט ברענ-גען קיין סך, ס'וועט געגוג זיין צו זאגען: דייטשלאנד יוכיח.

אבער נישט דעם גאנצען פראבלעם וויל איך דא אויסשעפען, איך וויל נאר דערצעהלען וועגען אונזער שטעד-טיל טשענסטאכאוו.

מיר אין פוילען פיהלען זיך אביסעל נישט היימליך. מען טרייבערט אונז די אדערען, מען דערנידריגט אונזער מאטעריעלען און מאראלישען מצב, האט זיך אין אונז דערוועקט דער נא-ציאנאלער „איך“, און יעדער אויף זיין שטייגער הויבט אן צו טהון, אויף דעם געביעט, וועלכען ער אנערקענט פאר א נאציאנאלע אויפגאבע.

אין טשענסטאכאוו, למשל, האבען די אסימילאטארישע יודעלעך געשאפען א יודאאיסטישע ביבליאטעק. דאס איז, לויט זייער מיינונג, א נאציאנאלער אויפטהו, כאטש פערהאנען אזעלכע, וועלכע האלטען, אז דארט, וואו מען רעדט נישט קיין יודיש-לשון, דארט איז נישטא קיין פלאץ פאר די ברייטע פאלקס-מאסען, וועלכע בילדען דעם רוח החיים פון יעדען פאלק. פונדעסט-וועגען איז מצד פון אט די יודען, וועלכע זענען וואס אמאל אלץ מעהר פון אונז אוועק, דאס שאפען פון אזא וויסענשאפטליכען אינסטיטוט אויך א פאזיטיווע ערשיינונג.

אין נייעם בית המדרש איז צוריק בענייט געווארען דער למוד התורה. עס איז ביטער אויף דער יודישער גאס, הויבט מען אן צו לויפען צוריק אין בית המדרש אריין און אויספיהלען דעם בלויז, וואס נאגט אין הארצען, דורך פערטיפען זיך אין דעם אוצר פון תלמוד'ישער וויסענשאפט.

דער דראמאטישער קרייז ביים „טאז“. וועלכער איז א לענגערע צייט געווען נישט טעטיג, האט זיך צוריק בענייט און ארבייט זעהר אינטענסיוו, די יוגענד וויל דארט געפונען א גייסטיגען אב-רוה פאר איהרע צוועהטאגטע געמי-טער.

מען רעדט אויך וועגען צוריק בע-נייען די טעטיגקייט פון דער יודישער געזעלשאפט פאר לאנדוויסענשאפט, פון דער „לירא“ אדג"ל.

ווער געדענקט דען נישט, אז בעת דער מלחמה, ווען מען האט געמוזט אבשטעהן גאנצע נעכט נאך א „פאָ-פולארקע“ ברויט, אז דווקא דאמאלס האבען זיך געשאפען א רייהע ביל-דונגס און קולטור-אינסטיטוציעס.

אויך היינט, ווען ס'איז ביי אונז שטארק פינסטער, ווען דאס געמיט איז דערדרוקט, הויבען אן צו פלאקערען שטראהלען. די נשמה הויבט אן צו בענקען נאך רוחניות.

די דאזיגע קולטור אינסטיטוציעס, וואס שאפען זיך היינט—דאס זענען ליכטיגע פייערן אין דער טיפער פינסטערניש.

לויתן.



פון האנדווערקער-לעבען

די פערוואלטונג פון האנדווערקער-פערבאנד האט זיך קאנסטיטואירט אויף פאלגענדען אופן.

פרעזעס—ד"ר ה. גייסלער, וויצע פרעזעסען: ד. דזיאלאוויטש און ש. קאץ, סעקרעטאר—מ. פייגענבלאט, קאסירער—ש. גראנעק, ווירטשאפטלער—מענדיל בלום.

די פערוואלטונג פון האנדווערקער-פערבאנד טרעט צו צו אנ'אינטענסיווע ארבייט אויף אלע געביעטען פון איהר טעטיגקייט.

פערהאנען ביי אונז אין שטאדט אזעלכע, וועלכע האבען זיך שוין אויפ'ן אויער דערצעהלט, אז אט-אט, צופאלט זיך דער היגער האנדווערקער-פערבאנד, די לעצטע אלגעמיינע פערזאמלונג אבער, און איבערהויפט די קאנסטיטואירונג פון דער פערוואלטונג האט בעוויזען פונקט דאס פערקעהרטע. אין שפיץ פון היגען האנדווערקער האבען זיך געשטעלט אויסגעפרובטע האנדווערקער-טהוער, וועלכע ווידמען זייער פרייע צייט די האנדווערקער-אינטערעסען און עס איז מעהר ווי זיכער, אז א דאנק די דאזיגע אנפיהרענדע לייטונג וועט דער היגער האנדווערקער פערבאנד, וועלכער האט שטענדיג גע'שמ'ט אלס קאנסאלידירטע ארגאניזאציע—נאך מעהר צעמענטירען דעם אחדות און ארבייטען פאר'ן גינסטען פון גאנצען יודישען האנדווערקערטום פון אונזער שטאדט.

פאר א נייער געזעלען-אקציע פון פעראייניגטען קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה

נאכ'ן פערענדיגען די אקציע פון רעגיסטרירען די אבמאכען מיט לערן-יונגלעך, איז דער פעראייניגטער קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה צוגעטרעטען צו בעטראכטען דאס גאנצע בעריכטס מאטעריאל, וואס קומט איצט אן פון פיעל שטעדט און שטעדטלעך, וואו עס איז דורכגעפיהרט געווארען די אקציע פון די ארטיגע קאמיטעטען פאר מלאכה און האנדווערקער-פעראיינען, נאכ'ן בעארבייטען דאס מאטעריאל וועלען די ציפערען פערעפענטליכט ווערען.

גלייכצייטיג איז דער פעראייניגטער קאמיטעט, ווי שוין בעוואוסט, צוגעטרעטען צו אנ'אקציע, וואס האט דעם צוועק צו בעוועגען אלע ארבייטער פון 18 יאהר אן, אויסצונוצען, ביז'ן 30 יוני ה. י. די מעגליכקייט צו ווענדען זיך וועגען צולאזען זיי צום פערלייכטערטען געזעלען-עקזאמען, אפילו ווען זיי בעזיצען נישט קיין לערן-אבמאכען, אין צוזאמענהאנג דערמיט האט דער פעראייניגטער קאמיטעט ארויסגעשיקט אין אלע פונקטען די ספעציעלע „ארט"-בראשורען, וואס ענטהאלטען דעם גאנצען פראגראם און אנווייזונגען וועגען אופן פון גרינדען קורצטערמיניגע צוגרייטונגס-קורסען פאר די פעראינטערעסירטע. עס איז אויך ארויסגעשיקט געווארען אין אלע קאמיטעטען און האנדווערקער-פעראיינען א נייער צירקולאר פון האנדעלס און אינדוסטריע-מיניסטעריום וועגען די נייע פאכען, וואס זענען פערעכענט געווארען צו מלאכה, דערביי איז אויך בייגעלעגט געווארען א צירקולאר פון קאמיטעט מיט געהעריגע אנווייזונגען וועגען דעם ענין. (יט"א).

דעם בלוטיגען מערדער פון בוגיי דראהט טויט-שטראף.

פונ'ם אנשטאלט פאר פסיכיש קראנקע אין טווארקי איז אנגעקומען די ידיעה, אז דער בעסטיאלישער מערדער פון בוגיי, וואס איז דארט פערשיקט געווארען אויף אבסערוואציע—איז אנערקענט געווארען דורך די דאקטוירים פאר פולשטענדיג נארמאל און פעראנטווארטליך פאר זיינע טהאטען.

די דאזיגע מיינונג פון דאקטוירים-פסיכיאטרען וועט האבען א דעצידירענדען איינפלוס אויפ'ן ווייטערדיגען גורל פונ'ם מערדער גאפ, וועלכער וועט אין עטליכע טעג ארום אראבגעבראכט ווערען קיין טשענסטאכאוו און ביז'ן פראצעס איינגעזעצט ווערען אין דער תפיסה אויף זאוואדזיע. נאכ'ן דערהאלטען די שריפטליכע מיינונג וועגען זיין פסיכיאטרישען געזונד צושטאנד, וועט די פראקוראטור צוטרעטען צונויפצושטעלען דעם בעשולדיגונגס אקט און דער פראצעס וועט פארקומען אמפריהסטען אין מערץ.

די גרעסטע שטראף, וואס ס'ערווארט גאפ'ן איז טויט-שטראף.

ביז-איצט זענען נישט געפונען געווארען קיין שום מילדערענדע אומשטענדען לטובת גאפ'ן, וועלכער האט, ווי בעוואוסט, זיך מודה געווען צום מארד פון 3 פערזאן און אויספיהרען א רייהע גנבות.

טראגישער טויט פון א פערדינסט-פולען אפיציר.

אין רעסטאראן „פאד בוקעטעם" אין ווארשא, מארשאלקאווסקא 92 האט מיט א רעוואלווער זיך גענומען דאס לעבען פאדפולק. וולאדיסלאוו קאשא, געוועזענער פלאץ-אפיציר אין טשענסטאכאוו, וועלכער איז איבערגעטראגען געווארען אנהויב פוריגעס יאהר אויף א פעראנטווארטליכען אמט אין איינער פון די גרעסערע שטעדט אין פוילען.

דער טראגיש-פערשטארבענער אפיציר איז אלט געווען 41 יאהר. ער האט אנטייל גענומען אין אלע קאמפען פון דער 1-טער בריגאדע; געוועזען אויסגעצייכענט מיט'ן ארדער ווירטוטי מיליטארי 5-טע קלאס, אונאבהענגיגקייטס-קרייץ, 4 מאליגען העלדען-קרייץ, מיט א גאלדענעם און זילבערנעם פערדינסט-קרייץ א. א.

די סיבה פונ'ם זעלבסטמארד איז פארלויפיג נישט בעקאנט.

דער שטאדט-פרעזידענט אבגעפאהרען קיין ווארשא.

עהערגעכטען איז דער היגער שטאדט-פרעזידענט יאן שטשאדראווסקי אבגעפאהרען קיין ווארשא אין דינסט-אנגעלעגענהייטען.

טערקישער בירגער פאר'ן געריכט.

דאס קרייז-געריכט האט בעטראכט דעם פראצעס פונ'ם טערקישען בירגער הוקאן-העלי הוסעין, אייגענטימער פון דער בעקעריי אויף אלעע וואלנאסטשי 32, וועלכער איז אנגעקלאגט געווארען, אז ער האט בעשעפטיגט אין זיין בעקעריי די אנגעשטעלטע העכער 8 שעה טעגליך. די אנקלאגע האט אונטערגעשטיצט דער ארבייטס אינספעקטאר.

דאס געריכט האט דעם טערק פער-משפט אויף 200 זל. שטראף אדער 10 טעג ארעסט.

דער סטאראסטע אויפ'ן פאליציי-פאסטערונעק אין קאמיעניץ.

דעם 21 ד. ח. האט דער טשענסטאכאווער סטאראסטע אדורכגעפיהרט א לוסטראציע פון פאליציי-פאסטערונעק אין פויליש קאמיעניק, וואו ס'איז לעצטענס געטוישט געווארען דאס גאנצע פערסאנאל. דער סטאראסטע האט בעזוכט בלויז דעם פאליציי פאסטערונעק און צוריק אבגעפאהרען קיין טשענסטאכאוו.

ברוכים הבאים

(צו די גאסט-אויפטריטען פון דער ווילנער אפערעטען-טרופע אין אונזער שטאדט)

דאס איז געווען מיט אנ'עך 9 יאהר צוריק. צווישען די פערשידענע וואנדער-טרופעס, וועלכע האבען בעזוכט טשענסטאכאוו, איז אויך צום ערשטען מאל אראבגעקומען א טרופע, וואס האט זיך גערופען „ווילנער אפערעטען-טרופע", און וועלכע האט געגעבען צוויי אויפטריטען. היות ווי די ארטיסטען זענען נישט געווען אזוי בעקאנט ביים יודישען טעאטער-עולם זענען זייערע ערשטע אויפטריטען נישט געקרוינט געווארען מיט קיין מאטעריעלען ערפאלג און זיי האבען צוליעב דעם געוואלט באלד אבפאהרען. זענען אבער צווישען די בעזוכער געווען עטליכע מענשען, וועלכע האבען געזעהן, אז די דאזיגע ארטיסטען שפילען ריין-יודיש טעאטער און האבען אנ'ערנסטע בעציהונג צו דער ביהנע, וואס ס'איז ליידער דורך אנדערע יודישע טרופעס שטארק פערנאכלעסיגט געווארען, האבען מיר, א גרופע טעאטער-ליבהאבער, זיך געווענדעט צו זיי מיט דער בקשה צו פערבלייבען נאך אויף עטליכע גאסטראלען און זיי מבטיח געווען, אז דער עולם וועט שוין קומען. די ארטיסטען האבען אונזער בקשה דערפילט, געבליבען נאך עטליכע טעג און דער סוף איז געווען, אז זיי האבען געשפילט ביי אונז 4 חדשים מיט אזא ערפאלג, וואס קיין שום יודישע טרופע האט עס נאך ביי אונז נישט דערגרייכט.

דעם אמת מוז מען זאגען, אז אזוי פיעל כבוד און פערעהרונג וויפיעל די דאזיגע טרופע האט געהאט ביי אונז אין שטאדט, האט נאך קיין שום טרופע נישט זוכה געווען און פאקטיש האבען זיי זיך דאס עהרליך פערדינט, ווייל די גרעסטע גלאנץ לייסטונגען, וואס א יודישע טרופע האט געקאנט שאפען, האבען מיר געהאט ביי דער דאזיגער טרופע. ווער געדענקט דען נישט די אונפערגעסליכע אויפפיהרונג פון „גולם", „מאשקע חזיר", „דבוק" און צענדליגער הערליכע אפערעטען? און אלץ איז אויפגעפיהרט געווארען מיט פראכט און גלאנץ.

און נישט בלויז די טרופע אלס אזעלכע איז געווארען בעליבט און געשעצט, נאר אפילו די ארטיסטען גופא אלס יחידים אין זייער פריוואטען לעבען האבען זיך איינגעקויפט ליבע און סימפאטיע.

נעמען מיר למשל דעם הארציגען סימפאטישען חבר יוסף חאש, וועלכער בעצויבערט דאס פובליקום אויף דער ביהנע, כאפט איהר אבער מיט איהם א שמועס דאמאלס ווען ער איז נישט אויף דער ביהנע – מוזט איהר איהם ליעב בעקומען. זיין פשטות, זיין ערנסטקייט, ווי אזוי ער בעהאנדעלט יעדע פראגע, וואס האט א שייכות צום יודישען טעאטער און יודישע ליטעראטור, זעהט איהר, אז איהר האט פאר זיך א מענשען, וואס בעטראכט טעאטער נישט בלויז אלס פרנסה קוואל נאר אלס ערנסטען פראבלעם, אלס א קולטור-צווייג, וואס איז אזוי נויטיג פאר די יודישע מאסען און מען מוז עס אוועקגעבען אזוי, אז מען זאל זי נישט פראפאנירען, נאר דערהויבען צו א הויכער מדרגה. און איהר מוזט, צי איהר ווילט יא, צי איהר ווילט נישט, פאר אזא ארטיסט דרך-ארץ האבען און גלייכצייטיג איהם ליעב בעקומען.

דאס זעלבע איז מיט די אנדערע צוויי ברידער קדיש און אברהמ'ל גראדנער, ווי אויך נחמה און אידינא און די איבריגע ארטיסטען, וועלכע שפילען צוזאמען אין דעם ערשטקלאסיגען אנסאמבל.

נישט קוקענדיג דערויף, וואס אין משך פון דער צייט קומען צו אונז פערשידענע טרופעס, וועלכע גיבען בעסערע אדער ערגערע פארשטעלונגען, זענען פערהאן א סך טעאטער-בעזוכער, וועלכע דערמאהנען שטענדיג און בענקען נאך די אויפטריטען פון דער קדיש-חאש-טרופע, וועלכע בעווייזט זיך פאר אונז אזוי זעלטען.

נאך צוויי יאהר צייט קומען זיי ווידער קיין טשענסטאכאוו אויף א קורצע צייט און היינט, פרייטאג האבען זיי זייער ערשטען אויפטריט אין זאל פון „מכבי", קאטעדראלנע 13.

די דאזיגע אויפטריטען וועלען אן ספק פערוואנדעלט ווערען אין א גרויסען יום-טוב פאר אלע יודישע טעאטער-בעזוכער פון אונזער שטאדט, וועלכע וועלען מאסענווייז זיך פערזאמלען מיט בילעטען, אזוי, אז קיין איין פלאץ זאל נישט בלייבען ליידיג און דערמיט ארויסזוייזען זייער סימפאטיע און פערעהרונג פאר די דאזיגע הארציגע ליבע חברים.

צו זייערע אויפטריטען ביי אונז אין שטאדט בעגריסען מיר זיי מיט'ן טראדיציאנעלען ברוכים הבאים.

ש. פראנק

קליינינקייטען

א פלאן, וועגען וועלכען מען דארף זיך פערטראכטען

א היגער אנגעזעהענער בעל הבית גיט מיר אויף א פלאן און בעט מיך, אז כ'זאל איהם פערעפענטליכען, און אויב ער וועט געפעלען דעם עולם, זאל מען דעם פלאן איינפיהרען אין לעבען.

עס האנדעלט זיך וועגען מאכען פראדוקטיוו די יודישע ווייבער, וועלכע געהען ארום שנארען.

דער פלאן בעשטעהט פון רעגיסטרירען אט די אלע בעטלערינס און אויסקלויבען פון צווישען זיי די געזונדע און מאכען גלייכצייטיג אנ'אויפרוף צו דער יודישער בעפעלקערונג, אז ביים וואשען וועש זאל מען בעשעפטיגען אט די ווייבער. און טאמער וועלען זיי נישט וועלען געהן צו דער ארבייט, זאל מען זיי נישט געבען קיין נדבות.

דערמיט וויל דער פלאן-געבער בעצוועקען צוויי זאכען: ערשטענס, וועט עס זיין בעקוועם פאר א טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג, דהיינו: פערהאנען א סך יורען—קליינהענדלער און סוחרים, וועלכע האבען צייט נאר זונטאג, און היות ווי קיין קריסטליכע וועשען איז דאמאלס נישט מעגליך צו בעקומען, וועט די וועש וואשען א יודישע פרוי; צווייטענס, וועט מען אויף אזא אופן פטור ווערען פון דער שנארער-פלאג, וואס איז א חרפה און א וועהטאג.

קומט דאנערשטאג אדער פרייטאג, הויבט זיך אן א געלויף פון די ווייבער, וועלכע האבען לעצטענס געמאכט א ספולקע און מען לויפט איבער די הייזער און ביים עפענען די טהיר הערט מען דעם אויסרוף: דריי ווייבער, פיער ווייבער, פינף ווייבער. פאקטיש אבער בעווייזט זיך נאר איין פרוי און שפעטער קומט ווידער א צווייטע פון דער זעלבער ספולקע און זינגט ווידער אויס דעם ניגון: דריי ווייבער, פיער ווייבער, פינף ווייבער, מען דארף—זאגט דער פלאן-געבער—מאכען א סוף פון דעם דאזיגען שנארעריי.

דער זעלבער בעל הבית האט נאך פערשידענע פלענער וועגען רעגולירען אדער אבשאפען די שנארעריי פלאג, נאר וועגען די אנדערע פלענער אנאנדער מאל. איצט דערצעהל איך נאר וועגען דעם אויבענדערמאנטען פלאן, וועגען וועלכען מען דארף זיך פערטראכטען.

ענדליך האבען מיר א געוועהלטען פרעזידענט און א וויצע-פרעזידענט

א סך יאהרען זענען אדורך, ווי דער טשענסטאכאווער מאגיסטראט האט נישט געהאט קיין געוועהלטען פרעזידענט און וויצע-פרעזידענט.

יאהרען לאנג האבען היע געבאלעבאטעוועט נאמינירטע קאמיסארען, וועלכע האבען זיך נישט גערעכענט מיט די פערלאנגען פון דער געזעלשאפט בכלל און מיט דער יודישער געזעלשאפט בפרט.

מען האט געמיינט, אז אזוי וועט עס שוין אייביג בלייבען, און זאגאר דאמאלס, ווען ס'איז ענדליך אויסגעוועהלט געווארען א נייער שטאדט-ראט, האט אויך געדויערט גאנצע צוויי יאהר און ס'האט אלץ רעגירט א נאמינירטער קאמיסאר, דער לעצטער קאמיסאר איז געווען זעהר נישט בעליבט, פיי ביי דער געזעלשאפט, כיי ביי די אנגעשטעלטע. כאטש צווישען אונז זאל עס בלייבען, האבען נישט געפעהלט קיין מה יפית'ניקעס פון צווישען אחינו בני ישראל, וועלכע האבען טראץ אלעמען דאך פאר איהם געטאנצט. אבער דאס געהער שוין צו דער פערגאנגענהייט. מיט עטליכע וואכען צוריק זענען סוף כל סוף אויסגעוועהלט געווארען דער פרעזידענט און וויצע פרעזידענט און פון פערגאנגענעם מאנטאג אן האבען זיי שוין איבערגענומען די שטאדטישע ווירטשאפט אין זייערע הענד.

ווי אזוי זיי וועלען זיך בעציהען צו די נויטען און וואונשען פון דער שטאדטישער בעפעלקערונג און בפרט צו אונז יודען, וועלען מיר ערשט שפעטער זעהען, דערווייל אבער זאגען מיר גאנץ אפען, אז מיר זענען צופרידען, וואס ס'האט זיך סוף כל סוף געענדיגט די קאמיסארישע הערשאפט און ס'איז געקומען א געוועהלט פרעזידיום אין היגען מאגיסטראט.

זיי האבען ערפולט זייערע פליכטען

אין דער כראניק פון די שטאדטישע נייעס איז געווען דערצעהלט, ווי אזוי צוויי באנדיטען האבען ענטוואפענט א פאליציאנט, וועלכער האט זיי געפיהרט אין טורמע אריין און איהם אריינגעווארפען אין טייך, און נאר א דאנק דעם, וואס ס'זענען אנגעקומען אנדערע פאליציאנטען צו הילף, האבען זיי דעם פאליציאנט ארויסגעראטעוועט פון וואסער און די צוויי באנדיטען ארעסטירט.

דארט איז אבער נישט געווען דערצעהלט, וואס פאר א ראלע אין דעם דאזיגען ענין עס האבען געשפילט צוויי יודישע יונגע לייט: לייביש קרויזע און גלידמאן, וועלכע זענען געווען די יעניגע, א דאנק וועלכע דער גאנצער אטענטאט איז ענטדעקט געווארען.

פרייטאג דריי א זייגער פארטאג איז געקומען צו פאהרען פון קאטאוויץ דער היגער אייגזואוינער לייביש קרויזע און גייענדיג פון דער באהן, האט ער בעגעגענט דעם ה' אברהם שלמה גלידמאן מיט וועלכען ער איז געגאנגען צוזאמען אהיים. אויפ'ן וועג, האבען זיי געהערט א געשריי, וועלכער האט זיך געטראגען פון דער טארגאווא גאס און מיינענדיג, אז דאס שרייט א יוד, וועלכער איז בעפאלען געווארען פון כוליגאנעס, האבען זיי געזוכט א פאליציאנט, וועלכער זאל מיט זיי מיטגעהן אויפ'ן ארט פון געשעהעניש. זיי האבען דאן געטראפען א פאליציאנט, וועלכער איז געשטאנען אין א טויער, און ערשט אויף זייער אויפפאדערונג איז דער פאליציאנט מיט זיי מיטגעגאנגען אויפ'ן וועג האבען זיי געטראפען נאך א פאליציאנט, וועלכען זיי האבען אויך געבעטען מיטגעהן. קומענדיג פאר דער פאפיערניע, האבען זיי דערזעהן, ווי צוויי באנדיטען, וועלכע זענען געשלאסען אין קייטען, ווילען אנטלויפען.

די צוויי פאליציאנטען, נישט וויסענדיג, וואס דא איז געשעהן, האבען קודם כל די באנדיטען פערהאלטען. די 2 יונגעלייט אבער זענען געגאנגען ווייטער זוכען און ערשט דאמאלס האבען זיי דערזעהן, ווי א פאליציאנט ליגט אין וואסער און בעמיהט זיך מיט אלע כחות פון דארט זיך ארויסצובעקומען. די 2 יונגעלייט האבען דעם האלב פער'חלש'טען און פערוואונדעטען פאליציאנט ארויסגעצויגען פון וואסער און איהם געגעבען די ערשטע הילף.

אט אויף אזא אופן איז א דאנק די צוויי אויבענדערמאנטע יודישע יונגעלייט ענטדעקט געווארען דאס פערברעך און גלייכצייטיג איז אבגעראטעוועט געווארען א פאליציאנט פון א זיכערען טויט.

ס'איז נאר א וואונדער, פארוואס די צייטונגען, וועלכע האבען געבראכט די דאזיגע נייעס, האבען „פערגעסען" אויך צו דערצעהלען וועגען די צוויי יודישע יונגעלייט, וועלכע האבען ערפולט זייער מענשליכע פליכט.

ערשט דאמאלס וועלען זיי בעקומען זייער תיקון.

ווי ס'ווייזט זיך ארויס, געפינען זיך א סך ספרים, וועלכע האבען געהערט צום אלטען בית-המדרש, אין פריוואטע הענד.

ווי אזוי מיר ווייסען דאס אויף זיכער, איז נישט כדאי צו דערצעהלען. מיר שטעלען נאר פעסט, אז דאס איז א פאקט: דאס אייגענטום פון בית-המדרש, ד. ה. ספרים געפינען זיך אין פריוואטע הענד, ווי אויך אין א טייל שטיבלעך.

רופען מיר צו די אלע, ביי וועמען ס'געפינען זיך די דאזיגע ספרים, אז זיי זאלען זיי תיכף ומיד אבשיקען אין בית המדרש אריין, כדי די בית-המדרש-בחורים זאלען האבען אין וואס צו לערנען.

אויספערדעם, וואס דאס צונעהמען ספרים איז גלאט א גזילה פון געזעלשאפטליכען פערמעגען, קוקט דאך קיינער אין זיי נישט אריין, און א ספר, אין וועלכען עס ווערט נישט געלערנט בעקומט נישט קיין תיקון איז ווי א נשמה אהן א גוף. ערשט דאמאלס, ווען די ספרים וועלען זיך געפונען צוריק אויף זייער פלאץ און די בחורים וועלען אין זיי לערנען, דאמאלס וועלען די ספרים בעקומען זייער אמת'ן תיקון.

סעם

א מעשה נורא אין וויעלון.

א הונד פרעסט א טויט יודיש קינד.

א שרעקליכע מעשה האט פאסירט אין וויעלון מיט א פערשטארבען יודיש קינד, א 4 חדשים'דיג יונגעלע.

דער פאטער פון קינד, האט געבראכט דאס קינד דינסטאג מיטאג-צייט אויפ'ן גוטען ארט מקבר צו זיין, האט צוליעב דער פראסט נישט געקענט דערוואַרטען ביז די בעלי-מתעסקים וועלען אנקומען און איז אויף א מאמענט ארייננעגאנגען צום קברן אין דער וואוינונג זיך אנוואַרעמען, איבערלאזענדיג דאס טויטע קינד אליין אין דער טהרה שטוב אויף דער ערד.

באלד זענען אנגעקומען די בעלי-מתעסקים מיט א לויה, און ווען דער בעל-מתעסק ר' ראובן הערשבערג איז ארייננעגאנגען אין טהרה שטוב, האט ער פאר די אויגען געזעהן א שרעקליך בילד: דער הינד פון קברן האט געפרעסען דאס קינד, רייסענדיג דערפון שטיקער. ווען הערשבערג איז צו איז שוין א האלבע קעפעל געווען אויפגעפרעסען פון הינד און א טייל פון הענטעל.

עס ווערט צוגעשריבען די שולד דעם קברן, וואס ער האט נישט געוואלט דאס קינד ארייננעמען אין אזא פראסט אין שטוב אריין, וועגען וואס עס האט געבעטען דער פאטער פון קינד.

נאך מעהר מערדוויסליך איז, וואס די זיהן פון קברן האבען דעם אלטען בעל-מתעסק, וועלכער איז אריין מיט א צארן צום קברן, איהם בעליידיגט און זאגאר געגעבען עטליכע שטויס.

די מעשה מיט'ן קינד האט אין שטאדט געמאכט א שרעקליכען איינדרוק. דער ראבינאט זאל גוזר זיין א תענית-צבור.

בעזוך פון געריכט-אנגעשטעלטע אין דער זאוואדזיער תפיסה.

שבת נאכמיטאג איז אין דער זאוואדזיער תפיסה אראבגעקומען אויף א בעזוך א גרופע פארשטעהער פון געריכטס וועזען, מיט'ן וויצע פרעזעס פון קרייז-געריכט קעללער אין שפיץ, פראקוראטור, געריכטס אפליקאנטען א.א.וו. אין אויספלוג האט זיך אויך בעטייליגט דער פרעזעס פון ארעסטאנטען-פאטראנאט, ריכטער פאל.

די בעזוכער האבען בעזוכט די קאמערן, קיך און פערשידענע תפיסה-איינריכטונגען, טועם געווען פון די מאכלים, ברויט א.א.וו. די געסט האט ארומגעפיהרט און ערטיילט ערקלערונגען דער תפיסה-נאטשעלניק ה' גאיעווסקי.

אויפ'ן פארשלאג פון וויצע-פרעזעס קעלער האבען דאן די בעזוכער צווישען זיך געזאמעלט א געוויסע סומע פאר'ן ארעסטאנטען פאטראנאט. חוץ דעם האבען זיי איבערגעגעבען, אלס מתנה פון דער יוריסטען-געזעלשאפט, עטליכע קאמפלעטען צייטשריפטען און עטליכע צעהנדליג בעלעטריסטישע ביכער.

נדבות פאר „תומכי עניים"

ה' שלמה שפאלטען 25 זל.,
ה' מרדכי ג"אדאן 10 זל.,
ה' ב. באטשאן צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער 10 קילא ברויט.

וויפיעל האט ארייגעבראכט די פאליציי'אישע זאמלונג?

די זונטאג'דיגע פאליציי'אישע זאמלונג צו העלפען דער הונגערנדער יוגענד, איז טראץ דער גרויסער פראסט, וואס האט דאמאלס געהערשט, אדורך זעהר גינסטיג, ברענגענדיג הכנסה אנ'ערך 700 זלאטעס און די טרעסור פארשטעמונגען פון די פאליציי'אישע הינד האבען געברענגט אנ'ערך 100 זל.

אבגעשטעלט די למודים צוליב די פראסט.

אין מאנכע היגע גימנאזיעס זענען צייטווייליג איבערגעריסען געווארען די למודים צוליב די שטארקע פראסט און הערשענדע גריפע עפידעמיע.

צווישען אנדערע האט איבערגעריסען די למודים ביז'ן 2 פעברואר די פאווישעכנע שולע ביים פרויען-גימנאזיום א.נ. פון יוליוש סלאוואצקי. אויך זענען אויף עטליכע טעג בעפרייט געווארען די נידריגערע קלאסען פון יודישען געזעלשאפטליכען גימנאזיום, ווי אויך די קינדער פון דער פאווישעכנע שולע א.נ. פון ז. וויינשטאק.

פראצעס וועגן אקופאציע-שטרייק אין דער סיראפ-פאבריק.

דאס שטאדטישע געריכט האט געהערט בעטראכטען דעם פראצעס פון 28 ארבייטער פון דער סיראפ פאבריק אין זלאטי פאטאק, וועלכע זענען אנגעקלאגט געווארען פאר אקופאציע אין יאהר 1935.

צוליב דעם, וואס פיעל אנגעקלאגטע און עטליכע עדות האבען זיך נישט צוגעשטעלט, איז דער פראצעס געווארען אבגעלעגט.

דער פראצעס פונ'ם היגען שעכט-הויז אינ'ם ווארשאווער אפעלאציע-געריכט.

מארגען, דעם 30 ד.ח. וועט אין ווארשא בעטראכט ווערן דער פראצעס פונ'ם היגען שעכט הויז. די קאנצעסיע דערויף בעזיצט, ווי בעוואוסט, די געזעלשאפט צו בויען און עקספלאאטירען דאס שעכט-הויז, וועלכעס האט די דאזיגע קאנצעסיע בעקומען נאך אינ'ם יאהר 1906 ביז'ן 1 טען יאנואר 1942.

אין דעם קאנצעסיע-אבמאך איז אבער פערהאן א בעווארעניש, אז די שטאדט האט דאס רעכט אויסצוקויפען דאס שעכט-הויז פאר'ן אבליסען פון טערמין, שוין נאכ'ן 1 יאנואר 1931.

די שטאדט-פערוואלטונג וויל דאס שעכטס הויז אויסקויפען, געבענדיג דער געזעלשאפט דעם קאפיטאל, וואס זי האט ארייגעלעגט אין שעכט-הויז, אראברעכנענדיג אמארטיזאציע-קאסטען אין דער הויך פון 2 און א האלבען פראצענט יעהרליך. די סומע, וואס דער מאגיסטראט שלאגט פאר איז 400 טויזענד זלאטעס.

די געזעלשאפט צו בויען און עקספלאאטירען דאס שטאדטישע שעכט-הויז פערלאנגט אבער אנדערטהאלבען מיליאן זלאטעס, ערקלערענדיג, אז זי האט רעכט צו די ריוחים, וואס זי וואלט געהאט, רעגירענדיג דערמיט נאך 5 יאהר.

אינ'ם קרייז געריכט האט דעם פראצעס געוואונען די שטאדט, אבער די געזעלשאפט האט אפעלירט קיין ווארשא, וואו דער פראצעס זאל אויפסניי בעטראכט ווערען.

אבגעלעגט דעם פראצעס פונ'ם וועטערינאר-דאקטאר.

דער פראצעס פונ'ם פאוויאטאווע וועטערינאר-דאקטאר מ. גורסקי, וועגען וועלכען מיר האבען שוין געשריבען — איז איבערגעריסען געווארען צוליב דער נויטהוענדיגקייט פון אויסהערען א רייהע נייע עדות. דער פראצעס וועט ווארשיינליך בעניים ווערען אין 2 וואכען ארום.

א בריעף אין רעדאקציע.

חשוב'ער ה' רעדאקטאר!

אין צוזאמענהאנג מיט אייער בעמערקונג צום בעריכט אין „טשענסטאכאווער צייטונג" נר. 4 פון דער פייערליכער עפענונג פון יודאאיסטישען אינסטיטוט האבען מיר דעם כבוד אייך צו בעטען אבצודרוקען אין אייער וו. צייטונג פאלגענדע ערקלערונג:

אונזער אינסטיטוט, אלס ריין קולטורעלע אינסטיטוציע, האט נישט קיין שום טענדענץ צו בעפארצוגען אדער איגנארירען וועמען ס'זאל נישט זיין. אין געגעבענעם פאל שטעלען מיר פעסט, אז די איינלאדונג צו דער רעד. „טשענסטאכאווער צייטונג", צוגלייך מיט אנדערע איינלאדונגען צו אלע רעדאקציעס אין אונזער שטאדט, איז געווארען ארויסגעשיקט. און עס איז פאר אונז אומפערשטענדליך פארוואס די רעדאקציע פון אייער צייטונג האט די איינלאדונג נישט דערהאלטען.

מיר דאנקען אייך פאראויס פאר'ן אבדרוקען אונזער פאלגענדען בריעף און פערבלייבען

מיט דרך-ארץ
יודאאיסטישער אינסטיטוט
אין טשענסטאכאוו.

די יודישע בעקער-ארבייטער סאלידאריזירען זיך מיט זייערע שטרייקענדע קריסטליכע חברים.

אין ארבייטס-אינספעקטאראט איז נעכטען פארגעקומען א קאנפערענץ פון בעקער-ארבייטער מיט זייערע ארבייטסגעבער. די קאנפערענץ האט אבער נישט געבראכט צו קיין רעזולטאט — דער שטרייק ביי די קריסטליכע בעקערייען דויערט ווייטער און איז זאגאר געווארען פערשארפט, ווייל היינט זאלען אויך מיטשטרייקען די יודישע בעקער-ארבייטער, וועלכע האבען ביז איצט נישט געשטרייקט און איצט, סאלידאריזירענדיג זיך מיט זייערע קריסטליכע חברים, זאלען זיי זיך אנשליסען צום שטרייק.

די געזעלען שטעלען ארויס א רייהע פארדערונגען, ווי: העכערן די לוינען, אבהיטען דעם 8-שעה'יגען ארבייטס-טאג און הויפטזעכליך — סקאסירען די נאכט-ארבייט.

קאמבינאציעס מיט ראדיא-אפאראטען.

איזידאר פליגעלמאן (2-טע אלעע 24) האט געמאלדען דער פאליציי, אז טאדעאוש רעמאנסקי (שוו. בארבארי 57) האט אין ווינטער 1935 געקויפט אין זיין פירמע א ראדיא-אפאראט פאר 285 זל., אויף וועלכע ער האט איינגעצאהלט בלויז 54 זל. און נישט רעגולירענדיג די איבריגע ראטעס האט ער דעם ראדיא אפאראט פערקויפט צו אנ'אנדערע פערזאן.

דערזעלבער פליגעלמאן האט געמאלדען, אז מיעטשיסלאוו קאספושיק, גאזאווע 9, האט אויך געקויפט אנ'אפאראט פאר 265 זל. און נאכ'ן איינצאהלען 25 זל. האט ער דעם אפאראט פערטוישט ביי אנ'אנדערע פערזאן און נישט צוגעצאהלט די רעשט חוב.

גרויסער פראצעס פון געלד-פעלשער.

אין דער צווייטער העלפט פון חודש לוטי וועט דאס קרייז געריכט בעטראכטען א גרויסען פראצעס פון 22 פערשפרייטער פון פאלשע 1, 2 און 5 זלאטי-מטבעות. די דאזיגע פאלסיפיקאטען האבען אין אנהויב פון יאהר 1936 זיך בעוויזען אויפ'ן טשענסטאכאווער פאוויאט און הויפטזעכליך אין דער געגענד ארום קלאבוצק. די מטבעות זענען אויסגעגעבען געווארען אויף די ירידים בעת'ן איינקויפען פערשידענע פראדוקטען ביי די פויערים.

ערשט סוף חודש אפריל ווען דאס פערשפרייטען פונ'ם פאלשען געלד האט אנגענומען א מאסען כאראקטער, האט די היגע אויספארשונגס-פאליציי און דער פאליציי פאסטערונעק אין קלאבוצק פעראָרדענט א גענויע אבסערוואציע כדי אויסצוגעפינען די קוועלע פונ'ם פאלשען געלד.

די ענערגישע אקציע איז געקרוינט געווארען מיט ערפאלג און דערפיהרט צום ארעסט פון דער גאנצער באנדע, אין וועמענס שפיץ ס'איז געשטאנען דער פיעלמאל בעשטראפטער פאר פערשידענע פערברעכענס, וולאדיסלאוו וויכזשיצקי.

דער בעשולדיגונגס-אקט פערנעמט א סך זייטען און דער פראצעס וועט דויערען עטליכע טעג.

קורץ נאכ'ן דאזיגען ערשטען פראצעס וועט פארקומען א צווייטער ענליכער פראצעס פון פעלשער און פערשפרייטער פון פאלש געלד.

ווידער אבגעלעגט דעם פראצעס פאר בעליידיגען אין דרוק.

אין טשענסטאכאווער קרייז-געריכט איז בעניים געווארען דער פראצעס פונ'ם מיטגליד פון דער פאוויאטאווע אבטיילונג קאזשימיעזש וואזשניאק און פעראנטווארטליכען רעדאקטאר פון „סלאווא טשענסטאכאווסקיע" — יוזעף וואלניצקי, וועלכע זענען געווארען אנגעקלאגט, אז אין אפריל פ.י. האבען זיי אבגעדרוקט אנ'ערקלערונג, פון וועלכער דער דאמאלסדיגער סטאראסטע ראגאווסקי האט זיך געפיהלט בעליידיגט.

דאס געריכט האט אויסגעהערט עטליכע צוגאב עדות און דערנאך ווידער אבגעלעגט דעם פראצעס ביז'ן 10 לוטי, כדי אויסצוהערען דעם פאוויאטאווע ארכיטעקט אינזש. אוסאקאווויטש, וועלכער איז איצט אויף אורלויב.

Zastępca: H. NORYMBERSKI, Częstochowa, Aleja 38.

ווייכטיג פאר בעל-הבית'טעס.

דאס אונפערגלייכליכע ביכעל מיט פארשריפטען פון ד"ר עטקער אט. „א גוטע ווירטין באקט אליין" איז צו בעקומען אין אלע קאלאניאל-געוועלבער, בוכהאנדלונגען און ביי די פערטרעטער פון דער פירמע עטקער. דער פערבילליגערטער פרייז איז 30 גר. דאס ביכעל איז אונפערגלייכליך הויפטזעכליך אין די קארנאוואל-טעג, עס גיט פיעל פארשריפטען אויף געבעקס א. ד. גל.

היינט — דער אויפטריט פון ווילנער אפערעטען-אנסאמבל.

היינט, פרייטאג 9 א זייגער אווענד קומט פאר דער ערשטער אויפטריט פון דער ווילנער אפערעטען-טרופע מיט נחמה, קדיש, חאש בוראש מיט זייער ערשטקלאסיגען אנסאמבל.

עס ווערט געשפילט צום ערשטען מאל אין אונזער שטאדט די פרעהליכע מוזיקאלישע קאמעדיע „שפיעל ציגיינער".

די אויבענדערמאנטע טרופע איז גוט בעקאנט דעם היגען יודישען טעאטער-עולם און עס איז נישט קיין ספק, אז די אויפטריטען פון דעם דאזיגען גלענצענדען אנסאמבל וועלען אויפגענומען ווערען מיט'ן גרעסטען ענטוזיאזם.

מיר דערמאנען, אז די טרופע וועט נישט לאנג פערבלייבען אין טשענסטאכאוו און די אלע, וועלכע ווילען בעוואונדערן און האבען דעם אמת'ן גייסטיגען גענוס. דארפען שוין היינט בעזוכען די פארשטעלונג.

די פארשטעלונגען קומען פאר אין זאל פון „מכבי", קאטעדראלנע 13 און הויבען זיך אן 9 א זייגער אווענד.

בילעטען צו בעקומען אין דרוקערייי פון ה' באטשאן (אלעע 6) און פון 6 אווענד ביי דער קאסע.

א באנדיטען-אנפאל הינטער טשענסטאכאוו.

אין דארף זשוזשארי, הינטער טשענסטאכאוו, איז אויסגעפיהרט געווארען א דרייסטער באנדיטען-אנפאל אויפ'ן דארטיגען איינוואוינער לודאמיר פיכלאק, וואו די באנדיטען האבען גערעכענט צו געפינען א גרעסערן רויב.

אין מאמענט, ווען די באנדיטען זענען אריין אין דער וואוינונג האט פיכלאק זיך געפונען אין בעט און נישט אויספיהרענדיג דעם בעפעהל פון די באנדיטען אויפצוהויבען די הענד אין דער הויך — איז ער פערוואונדעט געווארען מיט א קויל אין ברוסט-קאסטען און זיין פרוי — אין פנים.

טראץ דער בעקומענער וואונד איז פיכלאק דאך ארויסגעשפרונגען פון בעט און זיך גערעטעט מיט'ן ענטלויפען דורכ'ן פענסטער, וואו ער האט זיך צוזאמענגעטראפען מיט נאך עטליכע באנדיטען, וועלכע האבען איהם דערלאנגט קלעפ מיט שטעקענס.

פיכלאק איז מיט די לעצטע כחות, הערענדיג די שאסען פון די נאכיאגענדע באנדיטען, אריין אין דער וואוינונג פון זיינע שכנים. דערזעהענדיג דעם צובלוטיגטען פיכלאק האבען די שכנים אויפגעהויבען אנ'אלארם, אבער אינצווישענצייט האבען שוין די באנדיטען בעוויזען צוזוגנב'ענען פיעל ווערטפולע חפצים און אין דער פינסטערניש פון דער נאכט ענטלאפען, נישט ווערענדיג דורך קיינעם דערקענט.

די אנגעקומענע פאליציי האט אונטערגענומען אנ'אויספארשונג.

געהיימניספולע שרפה אין וואלד הינטער ראמאנוב.

אינ'ם וואלד, הינטער ראמאנוב, הארט נעבען דעם שאסע טשענסטאכאוו—קאזשעגלוב, איז בעמערקט געווארען א גרויס פייער, וועלכעס איז פלוצים אויסגעבראכען און אויסגעזעהן ווי א פעסיל סמאלע וואלט געברענט. דאס פייער איז אויך שנעל פערלאשען געווארען, איבערלאזענדיג אינ'ם וואלד א ספעציפישען ריח.

אין דערזעלבער צייט איז דורכ'ן וואלד אדורכגעגאנגען אנ'איינוואוינער פון פויליש קאמיעניץ, וועלכער איז, דערזעהענדיג דאס פייער, שנעל דארט אהין, אבער ער האט אויפ'ן ארט פון פייער בלויז דערזעהן פערברענטע שטיקלעך האלץ און דערנעבען צוויי אונבעקאנטע מאנספערזאנען, וועלכע האבען איהם ערקלערט, אז זיי האבען פערברענט צעלולאיד-קעלנער, כדי זיך דערביי צו דערווארימען. דאן האבען די אונבעקאנטע זיך שנעל ארויפגעזעצט אויף זייערע ראווערען, וועלכע זענען געווען פערזעהען מיט געלע נומערען, וואס ווערען פערקויפט אין טשענסטאכאווער פאוויאט.

דער ענין פונ'ם דאזיגען פייער שטעלט זיך פאר זעהר געהיימניספול.

KINO „EDEN".

איינער פון די גרעסטע וויענער פילמען

SZEPT MIŁOśCI

פרעהליכע וויענער מוזיקאלישע קאמעדיע
אויסער דעם איבער'ן פראגראם:
קלאנג-צוגאבען.

Kino „LUNA"

הערליכסטער ליבעס-ראמאן

MARIA STUART

אין די הויפט-ראלען:
קאטאזשינא העפבורן
און פרידריק מארשט

Redaktor i wydawca: B. Bocian
Druk. B. Bocian, Aleja 6